STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04050

FUN PASIFIK BIZN KINERES

I. Friedland

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פרידלאנד

י. פרידלאנד בוך קאָמיטעט
לאס אנגעלעס, קאליפארניע — 1953 — תשי״ד

FUN PACIFIC BIZ'N KINERETH

FROM PACIFIC TO KINERETH

By

I. FRIEDLAND

Copyright, 1953 by

I. FRIEDLAND

4377 Sunset Dr - Los Angeles 27, Calif.

PRINTED IN U.S.A.

ECONOMY TYPESETTING SERVICE
244 HARLEM PLACE
LOS ANGELES 12, CALIFORNIA

111

א י נ ה אַ ל ט

א

פון לאס אנגעלעס ביז ניו יאָרק 5
אויף דער שיף „יו־עס״ 12
פאריז 20
יידן אין פאריז 28
וולאדעק קינדער היים 33

ב

מ ד י נ ת   י ש ר א ל

מדינת ישראל—ווי איך האָב זי געזען (אלגעמיינער איבערבליק) 39
אויפן וועג צו ירושלים 51
פון תל־אביב ביז באר שבע 62
בני־ברק און רמת־גן 68
חולן 72
אויפן וועג צום גליל העליון 73
חיפה 77
דגניה „א״ 79
טבריה ביים כנרת 80
ווי א רויז אין דער מידבר 81
כפר גלעדי 83
נצרת — די שטאט פון ישו הנוצרי 84
חולה 85
אלט און ניי צפת 86
עכו 88
קיבוצים און מושבים — צוויי סיסטעמען 89
נס און וואר 92

אין שפאס און אין ערנסט

פאַרשידענעס 97

ג

רוים 101
פאמפייע 103
אויפן וועג צו קאפרי 104
פלארענץ 106
וועניס 108
שווייצאריע 109
לאנדאן 111

פאַרוואָרט

חשובער פריינט און לייענער:

דאָס ביכל וואָס איר נעמט איצט אין האנט צום לייענען איז ניט געשריבן געוואָרן מיט וועלכע עס איז פּאָליטישע כוונה, כדי צו באאיינפלוסן דעם לייענער פאַר דער אדער יענער ריכטונג.

ניט געהערנדיק צו קיין באַשטימטער פּאָליטישער ריכטונג אין יידישן לעבן, האָב איך פאַרנאָטירט מיינע איינדרוקן פון אָט דער לענגערער רייזע איבער אייראָפּע און ישראל, און ברייננ זיי איצט פאַר אייך, ווי איך האָב געזען און אבסערווירט.

דער סדר פון די קאַפּיטלען איז צוזאַמענגעשטעלט לויט דעם סדר און סקעדול פון דער רייזע:

פון לאָס אנגעלעס (פּאַסיפיק) מיט דער באַן נאָך ניו יאָרק. פון נ. י. מיט דער שיף „יו עס נאך פאריז. פון פּאַריז מיט דעם אוויאָן „אל־על" נאָך תל־אביב, ישראל. פון ישראל מיטן „אל־על" נאָך רוים, איטאַליע און אירע הויפּט שטעט. פון איטאַליע נאָך שווייצאַריע, פון דער שווייץ מיט דעם אוויאָן נאָך לאָנדאָן, און פון לאָנדאָן מיט דער „קווין מערי" צוריק נאָך ניו יאָרק.

וועגן אָט די אַלע דערמאָנטע שטעט און לענדער, וואָס כ'האָב באַזוכט האָב איך וואָס צו דערציילן. מאַך איך מיט אייך איצט, ליבער לייענער, אַן עקסקורסיע איבער זיי. איר וועט זיך באַקענען מיט מענטשן, שטעט און דערפער, פּאַסירונגען און דערשיינונגען.

חוץ די רייזע־איינדרוקן וואָס איך ברייננ פאַר אייך, פון וועלכע כ'האָף איר וועט הנאה האָבן, וועט איר, אין אַ געוויסער מאָס, אינפאָרמאַטיוו באַקענען זיך מיט מדינת ישראל.

י. פ.

פון לאָס אַנגעלעס ביז ניו יאָרק

נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיט משפּחה און גוטע פריינט, און די באַן האָט זיך גענומען רירן אויף דער ווייטער נסיעה, פריער ניו יאָרק, און נאָכדעם, פאַרשטייט זיך, ווייטער, האָב איך ערשט דאַן דערפילט אַז, דער חלום און וואונטש, אונטערצונעמען אַט די גרויסע נסיעה, האָט זיך טאַקע אויף אַן אמת אָנגעהויבן; און ס'איז אַ פאַקט, אַ רעאַליטעט. כ'בין תיכף אַריין אין דער ראָלע פון דעם טוריסט, באָאָבאַכטער, און ניט ווי איינער וואָס פאָרט פאַר עפּעס אַ געשעפט, און זיין מוח איז באַשעפטיקט מיט זיינע פּלענער און קאַלקולאַציעס. כ'בין לחלוטין באַפרייט געוואָרן פון דעם עול, און זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן צום געדאַנק פון אַ פרייער אבסערוואציע: — נאטור דערשיינונגען, מענטשן, פּאַסירונגען, עפּיזאָדן און שמועסן און, נאָכדעם זיי פאַרצייכענען לזכרון.

ווי איינער זאָל ניט באזיצן די קאַפּאַציטעט פון אַ גוטן זכרון, איז נאָך אַלץ בעסער צו פאַרצייכענען די איבערלעבונגען פון אַן אינטערעסאַנטער נסיעה, כדי סע זאָל דינען ווי אַ שפּיגל, פאַר זיך אַליין, אַ בליק טאָן אין אים, און איבערלעבן די רעמיניצענסן.

אויף אַ באַן באַגעגנט איר זיך מיט כלערליי מענטשן. דאָס איז אַ מעלה, וואָס דער אַוויאָן האָט עס ניט. אויף דעם עראָפּלאַן זיינט איר, כמעט, ווי צוגעגאַרטלט צו אייער זיץ־פּלאַץ. מעג די נסיעה אפילו געדויערן אַזוי לאנג ווי 12 אָדער 18 שעה. בעת מיט דער באַן האָט איר מעגלעכקייטן זיך דורכשפּאַצירן, פון איין וואגאָן אין דעם צווייטן, זיצן אין דעם מאָדערנעם פיין־מעבלירטן סאלאָן; פאַרבינדן באַקאַנטשאַפט מיט מיט־פּאָרער, און ווערן זייער מיטשמועסער . . .

די פּאַסאַזשירן אויף דער באַן זיינען, מערסטע, געווען אַמעריקאנער. איר באָאָבאכטעט די מענטשן, איר הערט זיי ריידן, ווער פון אינדוסטרי, ווער פון פאַרמס און געהילץ, ווער פון „סטאָק און באָנדס" און סתם אזארט שפּילן און, ווער פון פּאָליטיק און בילדונג. אין די דאָזיקע כלערליי שמועסן, זעט איר אַמעריקע אין מיניאַטור און אויך איר מענטאַליטעט . . .

צווישן אַט די אַלע מיטפּאָרער, האָב איך אין דעם באַן סאלאָן, אויך באמערקט אַן עלטערן יידן, שוין אין די יאָרן, וואָס כ'בין פריער שטאַרק געווען מסופק, אויב ער איז גאָר אין גאַנצן מאחינו בני ישראל. מחמת לויט זיין פּרצוף־פּנים און האַלטונג איז ער

געווען מער גוי, ווי ייד. אָבער ער האָט זיך נאָכדעם אַליין געלאָזט דערקענען.

— כ׳האָב געהערט אַז איר פאָרט קיין „פּאַלעסטיין״ — האָט ער אָנגעהויבן זיין שמועס מיט מיר. — כ׳האָב אפילו געזאָגט מיין פרוי, אַז דאָס „קאַפּל״ זעט אויס צו זיין יידישע. נאָר איר ווייסט דאָך, פרעגן האָב איך ניט געוואָלט. איצט אַז כ׳האָב געהערט אַז איר פאָרט קיין פּאַלעסטיין, בין איך דאָך שוין זיכער אַז איר זיינט אַ ייד.

און אַזוי האָט זיך פאַרבונדן אַ שמועס מיט אים. ער האָט אויס־צוזעצן קעגן ישראל, אָדער „פּאַלעסטיין״, ווי ער רופט עס.

— ס׳איז ניט מער „פּאַלעסטיין״ — פּרוביר איך אים פאַר־ריכטן. איצט איז עס „איזראעל״. נאָר ער רעדט ווייטער דאָס אייגענע:

— יו סי, די „טראָבל״ מיט „פּאַלעסטיין״ איז, וואָס זיי רייסן זיך אַרום צווישן זיך, און דאָס איז „נאָ גוד״, „נאָ גוד״.

כ׳פּרוביר אים צו דערקלערן אַז גוט איז עס טאַקע ניט, אָבער ס׳וועט זיך אויסגלייכן מיט דער צייט. דער עיקר איז, ר׳ ייד, וואָס ס׳בויט זיך אַ יידיש לאַנד, און אַ היים פאַר הונדערטער טויזנ־טער פאַרוואָגלטע און היימלאָזע, וואָס נויטיקן זיך אין הילף און אַ דאַך איבערן קאָפּ. מוז מען זיי העלפן. איר פאַרשטייט?

— הם, מעיבי יו אַר רייט . . .

ווי אַזוי האָט דער גוי׳אישער ייד דערוואוסט זיך אַז כ׳פאָר נאָך ישראל? מיין פּלוניתטע האָט זיך צוזאַמענגערעדט אין דער באַן מיט אַ קריסטלעכער פרוי. האָט די קריסטין איר דערציילט אַז זי פאָרט איצט פון לאָס אנגעלעס, געווען דאָרטן צו גאַסט. די שטאָט, און דער קלימאַט, געפעלט איר זייער גוט. האָט איר מיינע שוין, פאַר איינוועגס, דערציילט, אַז מיר וואוינען שוין אין אָט דער „שטאָט פון מלאכים״ קרוב צו 40 יאָר, און מיר האבן נאָך אַלץ ליב קאַליפאָרניע; אָבער איצט מאַכן מיר אַ לענגערע רייזע נאָך „איזראעל״. אָט די נייעס, אַז מיר פאָרן נאָך „איזראעל״ איז געוואָרן אין דעם באַן סאלאָן, כמעט, ווי אַ שטילע סענסאַציע. מע האָט צווישן זיך אָנגעהויבן שמועסן, און אפילו אָנגעוויזן אויף אונדז: „טהיס קאַפּל איז גאָאינג טו איזראעל״ . . .

אין באַן סאלאָן האָט זיך נאָכדעם צוגעזעצט נעבן מיר אַ מיטליעריקער קריסט, אַ גאַנץ באַרעדעוודיקער און אינטערעסאַנ־טער מיטשמועסער. קומען קומט ער פון ניו דזשוירזי, איז דאָרטן אַ פּרינציפּאַל אין אַ קאָלעדזש. ער פאָרט איצט פון אַ קאָנווענשאָן פון לערער, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָס אנגעלעס, אין

„סטאטלער האָטעל". פון די רייד זיינע האָט מען געקענט פאַרשטיין אַז ער איז אַ גאַנץ ליבעראַלער מענטש און קומט פון אַ טיפּיש, ניט פאַרמעגלעכער אמעריקאַנער פאַרמער־משפחה, מיט אַ סך קינדער. ער געדענקט נאָך, ווי מע האָט געוּנצט ביי זיינע עלטערן אין הויז, א קעראָסין לאָמפּ פאַר באַלייכטונג און האָלץ פאַר באַהייצונג, וואָס מע פלעגט אַליין אָנזעגן און צעהאַקן אויף קלעצלעך. ער איז דער איינציקער פון פיר זין, וואָס האָט זיך ארויסגעריסן פון דער פּראַצעדיקער אַרבעט, אויף דער פאַרם, און גענומען זיך לערנען. פריער געווען אַ לערער אין אַ פאָלק־שול, איצט האָט ער זיך דערהויבן שוין צו זיין אַ פּרינציפּאַל אין אַ קאָלעדזש. פאַרט ער איצט צוריק אַהיים פון לאָס אַנגעלעס, אַן אויפגעלייגטער, אַ צופרידענער פון זיין באַזוך אין דער „גאָלדענער וועסט".

דערהערט אַז איך פאָר נאָך ישראל, האָט ער פאַרצויגן אַן אַלגעמיינעם שמועס מיט מיר: מכּוח ישראל, סאָוועטן פאַרבאַנד, יידן אין אַמעריקע, „טאָפּלטע לאָיאַליטעט" וכדומה. פאַר מיר איז זיכער געווען אינטערעסאַנט צו וויסן, ווי דענקט טאַקע דער דורכשניט און ליבעראַל־דענקענדיקער אמעריקאַנער וועגן אָט די דערמאָנטע פראַגן. פון זיינע ארויסגעזאָגטע מיינונגען און געדאַנקען איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן אַז ער לייענט גרינטלעך די אַלגעמיינע פּרעסע און די פּעריאָדישע זשורנאַלן און איז גאַנץ גוט אָריענטירט וועגן אַמעריקע און וועלט פּאָליטיק.

— ישראל — זאָגט ער — איז גוט פאַר די יידן וואָס דאַרפן עס און מוזן עס האָבן, אָבער ניט פאַר אייך, יידישע אַמעריקאַנער, וועלכע לעבן אין בעסטן לאַנד אין דער וועלט, טראָגן אַלע אירע חסרונות און אָפּטע ריקזיכטן.

— סאָוועט רוסלאַנד, האָט מען אין אָנהויב, אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע, געדענקט אַז, אפשר וועט זי טאַקע ברענגען אַ ניי ליכט אין דער וועלט, אַן איבערבייט צום בעסערן. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז זי איז געוואָרן אַ מורא'דיקע טאָטאַליטאַרע מאַכט, מיט אַ טיראַניי, אַ ניט געהערטע נאָך, ביז איצט".

— אמת, יידן שאַצן אָפּ די פרייהייט און ווערטן פון אַמעריקע — זאָגט ער — אָבער אין דערזעלביקער צייט גרעניצט זיך זייער פּאַטריאָטיזם און ליבע פאַר ישראל, כמעט מיט טאָפּלטע לאָיאַליטעט.

איך האָב געפילט אַז דער פּראָפעסאָר האָט גערעדט, מיט מיר, וועגן אָט דער פראַגע, מיט פאַרזיכט. ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף דינעם אייז. מע האָט געקענט פאַרשטיין אַז ער איז באַהוּיכט מיטן

געדאנק פון דעם אזוי געררופענעם „קאונסל און דזשודאיזם״, פון די ראָזענוואלדס און זיינס גלייכן, וועלכע האָבן די לעגענדע פון „טאָפּלטע לאָיאַליטעט״ ביי יידן, אזוי ברייט פונאַנדערגעבלאָזן, אַז ניט ווייניק אמעריקאנער האָבן עס אויפגעכאַפּט, ווי אַ גאַנגבארן אַרגומענט.

כ׳האב אים, פארשטייט זיך, דערקלערט, אז דער ענין „טאפּל־טע לאָיאַליטעט״, ווערט אין דער אמתן, ניט ריכטיק פארשטאנען און אויסגעטייטשט, אין שייכות מיט יידן. דער פאקט וואָס אַזוי ווייניק אמעריקאנער יידן באזעצן זיך אין ישראל, פערמאנענט, און נעמען ניט אָן די ישראל בירגערשאַפט, באַווייזט אַז זיי ווילן מיט אמעריקע זיך ניט שיידן. מחמת זיי האָבן צופיל ליב אמעריקע און שעצן אומגעהויער די פרייהייט און בירגערשאפט וואָס זיי האָבן דאָ. זייער איבערגעבנקייט צו ישראל איז, קודם כל, אַ פּועל יוצא פון דעם נע־ונד לעבן פון די מיליאָניקע יידישע מאַסן, די כסדר׳דיקע פאַרפאָלגונגען פון די רעאקציאָנערע לענדער און באַ־זונדערס דער בלוטיקער אומקום פון 6 מיליאָן פון אונדזערע ברי־דער און שוועסטער, הינטער דער האַק פון דעם היטלעריזם. אויך אין צוגאָב צו דעם האָבן די דעמאָקראטישע לענדער באשרענקט אָדער גאָר צוגעמאַכט די טויערן פאַר די אומגליקלעכע און גע־רודפ׳טע אַריינצוקומען. איז אוודאי נאטירלעך אַז די ניי עטאַב־לירטע ישראל, וועלכע האָט פריי געעפנט אירע אָרעמס און אַריינ־גענומען זיי אונטער איר שוץ, געגעבן זיי אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַז, די יידן אין אמעריקע און אומעטום, וועלכע פילן מערער ווי אַנדערע דעם צער און ווייטיק פון זייערע מיטברידער, זיי זאָלן זיך האַרציק־ווארעם אָפּרופן אויף דער דערשיינונג. אין קעגנטייל, ס׳איז ווערט דאָס צו באַגריסן, סיי פון דעם הומאַניטארן און סיי נאציאָנאלן שטאַנדפונקט. דאָס האָבן אויך געטאָן די אירלענדער אין אַמעריקע, בשעת אירלאנד׳ס קאַמף פאר באפרייאונג פון ענג־לאַנד׳ס הערשאפט איבער זיי. דאָס מיינט בשום אופן ניט „טאָפּלטע לאָיאַליטעט״.

כ׳האָב אויך, אגב, אים אָנגעוויזן אז יידן אין אמעריקע, זיינען בכלל, גרויסע מנדבים און שטיצער ניט נאָר פון ישראל דווקא. זיי האָבן דאָ אין לאַנד אויפגעבויט צדקה אינסטיטוציעס, שפיטאָלן, יתומים־הייזער און „נאָן סעקטעריען סאַניטאריומס״. ער האָט לסוף מיט מיר מסכים געווען.

— אין דעם זין, זיינט איר יידן גרעסערע בעלי־צדקה, ווי אַנדערע, פון די מינאָריטעטן, דאָ אין לאַנד.

ער האָט אויך באַרירט, אין זיין שמועס וועגן ישראל, דעם קאָלעקטיוויסטישן סדר־לעבן פון די קיבוצים. אויך וועגן דעם האָט ער געלייענט. לויט זיין אַמעריקאַנישע „ראַגעד אינדיווידואַליס־טישע" דערציאונג — יעדער פאַר זיך; זעט ער ניט ווי דערפאַלגרייך און דויערנדיק סטאַביל, זייער עקאָנאָמיע קען זיין. געבויט אויף קאָלעקטיוויסטישע יסודות? אַמעריקע איז נאָר גרויס און שטאַרק אַנטוויקלט אינדוסטריעל, קאָמערציעל, און, אויב איר ווילט, אַפילו קולטורעל, אַ דאַנק דעם אינדיווידואַליזם, פּריוואַטע אונטערנעמער־רישקייט און פלייס.

— יאָ, בנוגע אַמעריקע, זיינט איר גערעכט, פּראָפעסאָר; דאָ, לעבנדיק אין רחבות און אין שפע, קען יעדער יחיד, מער ווינ־ציקער זיך העלפן און לעבט לויט דעם אָנגענומענעם סדר אין דער דעמאָקראַטישער וועלט. אין ישראל אָבער, אין דעם דאַן ווילדן, פאַרוואָרלאָזטן לאַנד האָבן די ערשטע איינוואַנדערער, ניט געהאַט ביי וואָס און מיט וואָס צו זיין באַשעפטיקט, האָבן זיי, קודם, על פי נויט אָנגענומען דעם פּרימיטיוון סדר פון קאָמונאַלן צוזאַמענ־לעבן. חוץ לזה, זיינען זיי געווען גרויסע אידעאַליסטן און פאַר־ערלעכט אַרבעט בכלל. און וואָס נאָך מער; זיי האָבן געמוזט לעבן צוזאַמען צוליב די זיכערקייט און באַשיצונג פון זייער לעבן, פון די פּלוצלונגע אָנפאַלן פון די שכנישע אַראַבער. אויך דאָ, אין אַמע־ריקע, האָבן די ערשטע „סעטלערס" געמוזט זיין צוזאַמען און אויף דער וואַך פון די אָנפאַלן פון די אינדיאַנער.

עס האָט אויסגעזען אַז מיין געדאַנק האָט אים אימפּאָנירט, און ער האָט שטיל מסכים געווען. אויף אַן אומדירעקטן אופן האָט ער שוין אויך געוואָלט אויסגעפינען מיין בקיאות אין דער אַמע־ריקאַנער ליטעראַטור. האָט ער עס געטאָן גאָר דיפּלאָמאַטיש. אַנשטאָט מיך צו פרעגן וואָס איך לייען אָדער האָב געלייענט, האָט ער מיר דערציילט אַז ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון לינקאָלן סטעפענס ביאָגראַפיע, שפּענגלערס „דעקליין אוו סיוויליזיישאָן" און אַנדערע ביכער. פאַרשטייט זיך אַז, כ'האָב אים אויך געוואָלט באַווייזן אַז כ'בין ניט אַבי ווער, האָב איך אים פונאַנדערגעלייגט אַ צעטל מיט אַמעריקאַנער שרייבער, אויף וויפיל מיין זכרון האָט מיר געדינט: —ביידע סינקלערס, אַפּטאָן און לואיס, דרייזער, העמינגוויי, פאַרשטאַרקט נאָך מיט דזשאָן דואי און פ. ל. מענקען. וועלכער יידישער אינטעליגענט, אין די 20ער און 30ער יאָרן האָט זיך ניט אַרומגעטראָגן מיט די דערמאָנטע שרייבער? כ'האָב געזען נאָכדעם, אַז דער געוואונשטער איינדרוק איז אויף אים אַ

געמאכטער. כ׳בין געווען איבערצייגט אז מיין מיטרייזנדיקער פראָפעסאר פון ניו דזשוירזי, וועט מסתמא האָבן צו דערציילן פאַר זיינע קאָלעגן, אז ער האָט זיך אין באן סאלאן, באגעגנט מיט א יידן, וואָס איז געפאָרן, אזש פון לאס אנגעלעס קיין ישראל און אז ער האָט געשמועסט מיט אים מכוח פארשיידענע ענינים. אָט, פונקט ווי איך דערצייל עס פאר אייך, מיינע ליבע לייענער.

כ׳האב נאכדעם א טראכט געטאן אז, אזעלכע באגעגענישן צווישן ייד און ניט ייד, אין שמועסן פון קולטורעלן, ליטערארישן און פאָליטישן כאראקטער, איז קודם כל, אן אָפּפרישונג פאר דעם אינטעלעקט. ספּעציעל פאר איינעם, וואָס לעבט כסדר אין אן אייגענער ריין יידישער סביבה, און איז אָפּטמאָל, כמעט ווי ערמעטיש אָפּגעריסן פון דער לעבעדיקער ניט יידישער וועלט.

פון אזעלכע באגעגענישן און שמועסן, שאפט זיך אומדירעקט א קלאָרע פארשטענדיקייט און גוטע באציאונגען צווישן די פארשיידענע נאציאָנאליטעטן אין אונדזער גרויס צעשפּרייטער היינטערפעלקערלעכער, פרייער אמעריקע.

צוויי דורות...

לאס וועגאס איז באקאנט אין די פאראייניקטע שטאטן, ווי אַ בארימט אָרט, פאר אַזאַרט שפּילן און „געמבלינג". א מין איירא־פּיאישע „מאנטא קארלא". דאס שטעטל געפינט זיך אין נעוואדע, ביים גרענעץ פון קאליפאָרניע. אַ גרויסע צאָל מענטשן, סיי פון די דערבייאיקע שטאטן און סיי פון דער ווייטער „איסט" כאַפּן זיך ארונטער אהינצוצו, צו פארלירן א פּאָר טאלער. כ׳זאָג „פארלירן" מחמת דער חשק און לוסט צו דער שפּיל איז אזוי גרויס, דאָס אפילו דער „געווינער" מוז סוף כל סוף אויך פארלירן. מחמת ס׳איז דאָך א באוואוסטער כלל: דער וואָס פארשפּילט, פּרובירט סיי ווי נאָך אמאָל. אפשר וועט ער אָפּגעווינען זיין פארלוסט. און דער ווידער וואָס געווינט שוין יאָ אמאָל, קען דאָך ניט ביישטיין דעם נסיון: דענקענדיק אז זיין „מזל" וועט אָנהאלטן און וועט אפשר נאך מער געווינען; וועט עס אים, לכל הפחות, „דעקן" זיינעם א פריערדיקן פארלוסט. אזוי צי אזוי, סוף כל סוף, פארלירט ער דאָס פון פריער געוואונענע. פּרובירט ער דאָך ווייטער, טאָמער וועט ער דאָך כאָטש עפּעס אָפּגעווינען. איז אזוי דרייט זיך דער שפּילער, נאכט איין־נאכט אויס, ווי אין א פארכישופטן קרייז. —

אראָפּ און ארויף און ווידער אראָפּ, מערסטנס אראָפּ! אָבער ניט דאָס בין איך אויסן . . .

ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אָוונט ביי דער סטאַנציע פון דער גאָר העל־באלויכטענער לאס וועגאס, וואו א ים מיט ליכטער און רעגנבויגנדיקע קאָלירן, פון די „נעאָן" שילדן האָבן פון ווייטנס געגלימערט און שעמערירט צו אונדז, דורך די פענצטער פון דער באַן; זיינען אין דעם מאָמענט אריינגעקומען אין אונדזער וואגאָן צוויי יונגע דאמען. איינע א „פּאראקסייד בלאנד", די צווייטע א ברונעטע. ביידע רייך עלעגאנט באקליידט, מיט „מינקס" לויט דער לעצטער מאָדע. אין באַן סאלאָן האָב איך די בלאָנדע נאָכדעם געטראָפן, זיצנדיק אליין ביי אַ רויכערטישל, וואוילעריש גערויכערט א סיגארעטל און געזופּט אין אינטערוואלן פון א גלאז געמישטן געטראנק. זי האט געצויגן דעם אויפמערק צו זיך פון די אנוועזנדיקע: — א בלאָנדע קאָפּ האָר, קורץ געשוירן; א פּאָר גרויסע בלויע קיילעכדיקע אויגן, האָבן שארף ארויסגעקוקט פון א געניט פּארפּיקסירט מיט פּאמאדא פּנים, וואָס האָט קונציק פּארדעקט מיט דעם די קנייטשן. באטראכטנדיק איר פון א דיסטאנץ, האָט זיך איינעם געקענט דאכטן אַז זי איז אפשר אין די דרייסיקער. אָבער, א געניט אויג וואָלט תיכף געקענט איינזען אז זי איז שוין ווייט אריבער די פּערציקער. הגם איר סטיילישע קליידונג האָט איינג געפּאסט ארומגענומען איר שלאנקע כמעט מיידלשע געשטאלט.

כ׳בין געזעסן ביי א טישל מיט דעם דערמאָנטן פּראָפעסאר, האָבן מיר איינגעלאדן אָט די יונגע דאמע, פּאר אן אומשולדיקע שפּיל אין „קאנאסטא". און אזוי ארום איז געשלאָסן געוואָרן אונדזער באקאנטשאפט מיט איר.

אויף מאָרגן, ווען כ׳האָב איר באגעגנט אין סאלאָן, האָב איך שוין געשמועסט מיט איר, געמיטלעך, וועגן פּארשידענעס. צווישן אנדערעס האָט זי מיר שוין דערציילט אביסל פון איר ביאָגראפיע.

געווען איז זי פריער א „מאדעלקע", איר מאן איז אַן אדוואָקאט. זי אליין פּאבריצירט איצט, קאָסטבארע ארטיסטישע „וויסטלעך". געלט פּעלט איר ניט. נו, האָט זי א פּלי געטאָן קיין לאס וועגאס, פּרובירן מזל און פארשפּילט א היפּשע אפּותיקה; שעמט זיך אפילו אויסצוזאָגן, וויפיל. איז איצט, אנשטאט צו פליען אהיים קיין ניו יאָרק, ווי זי האָט עס פריער געטאָן, האָט זי ליבערשט גענומען די באַן. אויסרוען זיך אביסל, פון די עטלעכע וואכעדיקע נעכט אין לאס וועגאס, ביי די אזארט שפּילן.

כאראקטעריסטיש אָבער איז, וואָס זי האָט מיר נאָכדעם דער־ציילט וועגן איר מוטער.

איר מוטער, האָט זי דערציילט, מיט נאסטאלגישער בענקשאַפט, איז געווען א באוואוסטע פייערדיקע סאָציאליסטקע. אלע האָבן איר גוט געקענט אין ניו יאָרק און אויף דער „איסט סייד". וואו א סטרייק, וואו א פארזאמלונג און דעמאָנסטראציע פון ארבעטער, איז זי געווען אין דער ערשטער ריי. אין גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס אין 1931-32, האָט זי, די מוטער אירע, געפירט א פּראָטעסט דעמאָנסטראציע פון הונגעריקע ארבעטסלאָזע אויף וואשינגטאָן; פאָדערנדיק פון פּרעזידענט הואווער צו טאָן עפּעס פאר די אר־בעטער.

„יעס, טהעט וואס מיי מאטער", האָט זי כמעט מיט שטאָלץ, אויסגערופן . . . „יעס, שי וואס א ריעל פייטער!" האָט זי נאָכדעם פארענדיקט דעם אָנדענק פון איר מוטער.

כ'האָב ערנסט און דורכדרינגלעך איר באטראכט. און נאָכ־דעם, שטיל צו זיך געזאָגט:

— יאָ, צוויי דורות אין דער יידישער אמעריקע: די מוטער איז געווען א פייערדיקע סאָציאליסטקע, א קעמפערין פאר א פרייע און יושרדיקע צוקונפט, די טאָכטער, א פארברענטע אזארט שפּי־לערן, אָן וועלכע עס איז צוקונפט־אידעאל. בלויז, און נאָר עולם־הזה . . .

צוויי דורות! איז אָט די יידישע טאָכטער ביי אונדז, בלויז, אַן אויסנאם?

ניין, ליידער, ליידער, איז עס כמעט, ווי דער דורכשניט אין אונדזער גרויסער, יידיש־יוגנטלעכער שפּיל־פארכאפּנדיקער אמע־ריקע . .

אויף דער שיף „יו עס" נאָך פּאַריז

יעדער רייזנדער וואס קומט ארויף אויף דער גרויסער נייער מאָדערנער שיף „יו עס" וואָס האָט ערשט אין חודש יוני 1952 אָנגעהויבן פונקציאָנירן, מוז באוואונדערן די גרויסקייט, די רחבות־דיקייט פון אָט דעם פאנטאסטיש שווימענדיקן פאלאץ אויפן וואסער. אויב אויף דער אמעריקאנער באַן באקאנט איר זיך אביסל מיט אמעריקע אין מיניאטור, איז אויף א שיף וואָס פאָרט נאָך אייראָפּע, זעט איר פאר זיך כמעט אַן אינטערנאציאָנאלע געזעלשאפט, א

צווישן־פעלקערלעכע צוזאמענקונפט: — דייטשן, פראנצויזן, גריכן און ענגלענדער, יידן, אינדיער א. א. אלע ווי איין גרויסע פעלקער־לעכע משפחה. די שיף איז איינגעטיילט אין דריי קלאסן: ערשטע, צווייטע און דריטע. יעדער קלאס איז פאר זיך באזונדער און מישט זיך ניט אויס מיטן אנדערן. א דריטער קלאסניק, למשל, טאָר אליין נישט ארויפקומען צום צווייטן אָדער ערשטן קלאס אָן א שומר. אָדער אין דער באגלייטונג און אויפזיכט פון דעם, וואָס האָט אים צו זיך איינגעלאדן. די קלאס דיסטינקציע ווערט שטארק אָפּגעהיט. אָבער אזוי ווי יעדער קלאס אפטיילונג פון דער שיף, האָט גענוג אייגענע פּאסאזשירן, און זאכן פון אלץ, פלוס פאר־ווײלונגען, לאָזט זיך עס נישט שטארק פילן.

די ערשטע פאר טעג און נעכט, האט די שיף זיך מאיעסטעטיש געגליטשט איבער די כוואליעדיקע וואסערן פון אטלאנטיק, אָבער אויף דער דריטער נאכט, ווען זי איז אריין אין די טיפערע שטור־מישע וואסערן, האָט זיך דער ים א היפּש ביסל שטורמיש צע־שפילט און ס'האָט אלעמען געוואָרפן פון די פיס, ווי שיכורע. א גליק נאָר וואָס דער ים־שטורם האָט מער ניט אָנגעהאלטן ווי איין נאכט . . .

אויף מאָרגן האָבן שוין אלע, ווידער מונטערע, פרישע און צופרידענע פארבראכט אין דעם גרויסן שיינעם פארוויילונגס זאל פון דער שיף.

מיר זיינען געזעסן אַ גרופּע אייגענע מענטשן און געשמועסט צווישן זיך אויף אונדזער אייגענעם מאמע־לשון, וועגן פארשיידענע זאכן. פלוצלונג, איז נעבן אונדז אויסגעוואָקסן אַ מיטל־יאָריקער הויך־געוויקסיקער יוניפאָרמירטער שיף אָנגעשטעלטער. איינער פון דער שיף קאמאנדא. דערהערט אז מיר ריידן צווישן זיך יידיש, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נעבן אונדז, און אויפמערקזאם צוגע־לייגט אן אויער. אויפן אויסזען האָט ער צו אונדז אויסגעזען מער ווי אן אירלענדער: א רויטלעכער, בלויע טאנצנדיקע אויגן, ראָז־לעכע באקן און א ניט יידישע נאָז. אָבער א ייד איז ער געווען. און נאָך וואָס פאר א ייד. פון סאמע געדיכטן פוילן. ווארשא, פון פאר־היטלער צייטן.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ס'האָט לאנג ניט גענומען און דער ייד, אין דער „יו עס" יוניפאָרם איז מיטאמאָל געוואָרן די אטראק־ציע פון דעם יידישן געזעמל. ער האָט אונדז נאָכדעם אין א גאנץ זאפטיקן פוילישן יידיש דערציילט וועגן זיך, ווי אזוי ער קומט אויף אָט דער שיף, און ווי אזוי ער האָט זיך דערשלאָגן צו אָט דעם

אמט אויף דער שיף, צו זיין אן „אינטוירפעטער", אַ „דאלמע־טשער".

— איך געהער — זאגט ער — צו דער „מאריטיים יוניאָן". מיין יוניאָן, זאָל לעבן, איז זייער גוט ארגאניזירט. אז די „יו עס" האָט געדארפט אן „אינטוירפעטער" — און ווי איר ווייסט דארף יעדע פאסאזשיר שיף האָבן אזעלכן וואָס קען כלערליי שפראכן, צוליב די פארשיידענע נאציאָנאליטעטן וואָס פאָרן אויף איר. בקי־צור, די „יו עס" האָט געדארפט האָבן א שפראכן קענער, האָט די „מאריטיים יוניאָן", מיין יוניאָן, מיך געשיקט אהער צו זיין דער „אינטוירפעטער". און ער ווייזט דערביי אָן מיטן האנט אויף די לאפעלן פון זיין בלויען ראָק, מיט א גאלדענער אנגענייטער אויפ־שריפט „אינטוירפעטער".

— קענט איר טאקע א סך שפראכן, רב ייד? — האָבן א פּאָר פון געזעמל אים א פרעג געטאָן.

— וואָס שייך קענען — האָט ער שמייכלענדיק זיך א זאָג געטאָן — ווערלכער ייד כ'בעט אייך, קען עס ניט קיין דריי אָדער פיר שפראכן? ס'איז א פשוטער שכל!

— יידיש קען איך? און אז מע קען ריידן יידיש, קען מען שוין אויך דייטש. האָט איר שוין צוויי שפראכן. פויליש קען איך זייער גוט און, אז מע קען פויליש קען מען שוין אויך רוסיש. האָט איר שוין פיר שפראכן. ענגליש האָב איך מיך צוגעלערנט אין „נייט סקול" אין ניו יאָרק, קען איך שוין הייסט עס פינף שפראכן. און אז מע דארף אמאָל פראנצויזיש, אָדער איטאליעניש, גיט מען זיך אויך אן עצה".

— וואָס הייסט מע גיט זיך אן עצה, אז איר קענט דאָך ניט!

— אזוי זאָגט איר, אז כ'קען ניט. אָבער ניט ביי מאָטיען,

— גיט ער זיך באַרימעריש א זאָג — איר מעגט עס הערן.

— איינמאָל פאררופט מיך דער שיף קאפיטאן צו זיך אין קאיוטא און גיט מיר איבער א בריוו אין איטאליעניש, איך זאָל אים געבן צו פארשטיין, וואָס מע פארלאנגט פון אים אין אָט דעם איטאליענישן בריוו. אויפן מאָמענט האָב איך זיך געפילט אביסל דאָסיק, אין א פארלעגנהייט, הייסט עס. אָבער כ'האָב זיך ניט פארלאָרן. כ'האָב תיכף באהערשט די סיטואציע: כ'האָב מעשה ידען באטראכט דעם בריוו, און האָב קוים שמייכלענדיק אָנגע־הויבן כלומרשט זוכן אין קעשענע מיינע ברילן. כ'האב זיך, פאר־שטייט זיך, זייער שטארק אנטשולדיקט פארן קאפיטאן, לויט די פאָרמעלע שיף־רעגולאציעס און אים געזאָגט מיט אן ערנסטן

גוטמוטיקן שמייכל: היות כ׳האָב פאַרגעסן מיינע ברילן אין קעבין, וועל איך נעמען דעם בריוו מיט זיך און וועל זיך דאָרטן פאַנאַנ־דערקלייבן און ברייגגען אייך א גענויע איבערזעצונג פון דעם בריוו מאָרגן אינדערפרי.

— איז וואָס מיינט איר האָב איך געטאָן? — האָט ער וואויל־יונגעריש א פינטל געטאָן מיטן רעכטן אויג. — א ייד גיט זיך אן עצה, „יו נאָ״ . . .

— כ׳האָב געפונען אן איטאַליענישן בחור, א „טאַני״, אונטן אויפן דעק פון דער שיף, ביי דער שוואַרצער אַרבעט. טאַני איז געווען אין אַמעריקע און קען בעסער ענגליש פון מיר און פון אייך. איטאַליעניש איז דאָך אָפגערעדט! און, פרעגט ניט קיין קשיות, ער האָט שוין געמאַכט פאַר מיר דעם „דזשאָב״ ריכטיק. ער האָט מיר איבערגעגעבן דעם גאַנצן תוכן פון בריוו, וואָרט־ביי־וואָרט, און אויף מאָרגן אין דער פרי, האָב איך א שטאָלצער און מיט ווירדע איבערגעגעבן דעם איבערזעצטן איטאַליענישן בריוו צום שיף־קאַפּיטאַן, און אַלץ איז געווען אין בעסטן אָרדנונג.

— דער קאַפּיטאַן האָט מיך זייער באַדאַנקט און מיט רעספּעקט פאַר מיר, ווי פאַר א געלערנטן פון שפּראַכן, נאָר צוגעפּעטשלט אין פּלייצע.

— נו, פרעג איך אייך, דאַרף מען קענען איטאַליעניש? . . .

— דאָס מערקווירדיקסטע, אָבער, וואָס איך וויל אייך זאָגן איז, דאָס מיין אייגן ווייב גלויבט מיר ניט אז איך מאַך א לעבן פון שפּראַכן. אז כ׳בין אן „אינטערפּרעטער״. „ווי קומט עס צו דיר, זעליגז?״ אזוי רופט זי מיך, עד היום, נאָך פון דער אַלטער היים . . .

— איז אָט אזוי ווי איר זעט „מאַטער״ איך זיך דאָ מ׳שטיינס געזאָגט. פאַר אַהין און צוריק. פון אַמעריקע נאָך אייראָפּע און פון אייראָפּע נאָך אַמעריקע. ס׳איז מיר גוט אין אַמעריקע! כ׳עס דאָ, און שלאָף דאָ, האָב א באַזונדערע קאַבינע און לעב דאָ ווי א גראַף. שלעכט איז נאָר, זעט איר, אָן א גראַפינע — צעשמייכלט ער זיך האַלב ציניש.

— זי, מיין ווייב, אַרבעט אויך. זי אַרבעט ביי דוד׳לען, ביי דובינסקין, ביי קליידלעך הייסט עס, און פאַרדינט גאָרנישט שלעכט. און איך אויף דער שיף מאַך אויס, אויך גאָר נישקשה׳דיק. איר ווילט זען? — און ער ציט אַרויס פון זיין בוזעם קעשענע א קאָנ־ווערטל און ווייזט אונדז א ציפער: 209 טאַלער. — דאָס איז מיין פאַרדינסט פאַר צוויי וואָכן. גאָר ניט שלעכט, אַה! מיט אַלעם פאַר־טיקן, פאַרגעסט ניט! . .

— יאָ, יאָ, די ווייב ביי דובינסקין, איך ביין מיין „מאַריטיים״ יוניאָן, האָבן זיך גאַרנישט וואָס צו באַקלאָגן אויף אַמעריטשקע . . .

ער האָט אַריינגערוקט דאָס קאָנווערטל צוריק אין בוזעם־קעשענע און אַרויסגעצויגן אַ פאָטאָגראַפיע קאַרטל. — איר זעט אָט די אָ, אין דערמיט, צווישן די אַנדערע צוויי ווייבלעך; די שע־נערע; געשוירן מיט אַ פודל און מיט דעם באָד־קאָסטיום. דאָס איז זי, מיין „קראַסאַוויצע״. אַ שיינע, האַ? — האָט ער מיט שטאָלץ אויסגערופן. — זי האָט עס פאַרבראַכט דאָן אין פלאָרידאַ, האָט זי זיך אָפּגעפאָטרעטלט און מיר עס צוגעשיקט.

— פאַרט איר, הייסט עס, יידן, קיין ישראל?

— פאָרט, פאָרט געזונטערהייט!

— מירן נאָך אָפּאַרבעטן נאָך אַ סעזאָן. איך אויף דער שיף און זי, מיין פלוניתטע זאָל לעבן, ביי די קליידלעך, וועלן מיר אויך, נאָכדעם, מאַכן אַזאַ יאַזדע, ווי איר, קיין ישראל.

— נו, אויף ווידערזען — און האָט לאַנגזאַם אָפּגעצויגן פון אונדז . . .

נאָך אויף דער שיף זייענדיק, האָב איך אַ טראַכט געטון: ווי אַנדערש, אַ ווי אַנדערש, עס איז מיין איצטיקע רייזע אויף דער שיף, און די רייזע מיט 45 יאָר צוריק אויף אַ שיף, נאָך אַמעריקע. מיר זיינען אַלע דאַן געווען עמיגראַנטן. אָרעמע, כמעט ווי אויס־געהונגערטע, אַנטלאָפענע פון צאַרישן רוסלאַנד, יאָגנדיק זיך צו דעם צוגעזאָגטן פרייען לאַנד, אַמעריקע. און איצט, וואָס פאַר אַ חילוק און שינוי אין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון אונדזער לעבן. וואָס פאַר אַ רחבות׳דיקע, כמעט לוקסיערע רייזע. דאַן, זיינען מיר געלעגן אין דעם אונטערשטן טייל, אין דער טיפעניש פון דעם בויך־שיף, טיף ווי אין אַ טונקעלן־פייכטן קעלער. דאָס עסן איז באַשטאַנען פון הערינג מיט קאַרטאָפל, שוואַרץ ברויט מיט טיי. אָבער ווער האָט עס דאַן געטראַכט פון אַזעלכע חומר׳דיקע זאַכן. מע איז געווען יונג, קרעפטיק, אַמביציעז, מיט אַ סך חלומות און האָפנונגען, מיט אַ סך מוט און רעוואָלוציאָנערן גייסט. האָט מען טאַקע געהוליעט, געטאַנצט און געזונגען, און לעבעדיק יוגנטלעך פאַרוויילט.

די עלטערע, די פרומע צווישן די עמיגראַנטן, האָבן געדאַוונט מנחה מעריב בציבור, בכלל געהאַלטן זיך צוזאַמען. געגעסן ביי איין גרויסן כשר׳ן טיש, געפּראַוועט שלוש־סעודות׳ן, געזונגען זמי־רות און מתפלל געווען צום רבש״ע. די רייזע האָט טאַקע דאַן גע־דויערט גאַנצע צוויי וואָכן. און איצט אַ מין קפיצת־הדרך, נאָר

פיר טעג. א, וואָס פאַר א גוואַלדיקע שינוי אין אונדזער דור! וואָס פאַר פענאָמענעלן אומבייט אין אונדזער סדר און שטייגער־לעבן. פון יידישער פרומקייט איז שוין גאָר אָפּגערעדט. כ׳האָב ניט געזען קיין אמת־פרום רעליגיעזן יידן אויף דער שיף, הגם ס׳איז פאַראַן אויף דער שיף א ספּעציעלער כשר׳ער טיש, פאַר די וואָס פאָדערן עס, האָב איך אָבער, קיין צופיל בעלנים פאַר דעם נישט געזען. דער כשר־טיש האָט געפּוסטעוועט.

אַלע אויף דער שיף זיינען געווען וועלטלעך אין אויסזען און אין דער הלבשה. מיט דער אויסנאַמע פון א קליינער גרופּע איבּ־דיער מענער און פרויען, און דאָס בלויז די פרויען האָבן זיך גע־האַלטן ביי זייער נאַציאָנאַלן טראַכט און הלבשה.

דאָס עסן, די באַדינונג, די האַלטונג און פאַרוויילונג, אויף דער שיף, איז געווען פון דער זעלביקער קאַטעגאָריע, פאַר אַלע־מען גלייך, ווי פאַר איין גרויסער משפּחה.

אונדזער דעסטינאַציע צום אַלעם ערשט איז געווען פּאַריז. און פון דאָרטן ערשט פליען קיין ישראל.

די נאַכט, וואָס די שיף האָט געדאַרפט אַנקערן אין „לא האַוור" האַפן, פראַנקרייך, איז מען שוין געווען וואַכעדיק, כמעט ווי ניט געשלאָפן. שיין־וואָרפערס האָבן געשיקט זייערע ליכטער פון האַפן אויף דער „יו עס", א סך פון די פּאַסאַזשירן זיינען אַרויף אויפן אויבער־דעק, זען די ליכטער וואָס בלינקען אין דער פינצ־טערניש פון דער נאַכט, פון דער נאָענטער האַפן־שטאָט. און, פּונקט ווי דאָ, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן דערנעענטערן צו די ברעגן פון אַמעריקע, האָבן מיר מיט נייגער און אייפער געוואָרפן אונדזערע אויגן צום אינדזל פון דער פרייהייט־סטאַטוע — ניו יאָרק, אַזוי האָבן אויך איצט, אונדזערע אויגן געוואַנדערט צו דער באַלויכטענער האַפן־שטאָט — לא האַוור.

די „יו עס" האָט זיך לאַנגזאַם אָפּגעשטעלט, ניט ווייט פון האַפן און געוואַרט, ווי דאָס נאַוויגאַציע־געזעץ פאָדערט, אויף דער פראַנצויזישער מאַנשאַפט, זי זאָל איר אַריינציען אין האַפן. (א שיף פון א פרעמד לאַנד, קען ניט אַריינשווימען, מיט איר איי־גענעם כוח, נאָר דאַרף אַריינגעבראַכט ווערן פון דער מאַנשאַפט פון דעם באַטרעפנדיקן לאַנד, צו וועלכן ברעג זי וויל אַנקערן).

און אַזוי, זיינען מיר אין א שיינעם קילן, אָבער העל־זוניקן פרימאָרגן אַרונטער פון דער „יו עס" אויף דער פראַנצויזישער ערד; און די באַן האָט אונטער דעם געקלאַנג פון אירע רעדער,

אונדז אריינגעפירט אין דער גרויסער, וועלט בארימטער, היסטאָריש רעוואָלוציאנערע און פריוואלע לעבעדיקע מעטראָפּאָליע — פּאַריז . . .

פּ אַ ר י ז

ווער פון אונדז, אין דער אַלטער היים, און אין דער נייער וועלט אמעריקע, האָט ניט געטראכט און געחלומט אמאָל, צו וועלן זען די גרויסע, וועלט בארימטע, אלט־היסטאָרישע און לעבעדיקע פּאַריז? זייער א סך איז וועגן אָט דער גרויסער וועלט־שטאָט געשריבן געוואָרן. וויפיל העראישע מאמענטן און קאמפן האָט אָט די שטאָט איבערגעלעבט. פראנקרייך, דאָס וויגעלע פון דער רעוואָלוציע; פּאַריז, וואו פרייהייט און מענטשן־רעכט איז אויף אירע גאסן און בולווארן אויסגעקעמפט געווארן. פון דאָרטן, פון פּאַריז, איז געקומען דער שאלנדיקער קלאַריאַן־רוף, צו אלע אנדערע אונטערדריקטע פעלקער: „אויף צום קאמף פאר פרייהייט!"

פּאַריז, די לוסטיקע, די פריילעכע, די קאנטראסטנדיקע. אָט די פּאַריז איז געווען אונדזער ערשטע אָפּשטעל־סטאנציע, נאָך דער וואונדערלעכער ים־רייזע. וואס פאר אן איינדרוק מאכט אָט די פארכישופטע שטאָט אויף איינעם, וואס טרעט צום ערשטן מאָל ארויף אויף איר ערד, אויף אירע גאסן און ברייטע באבוימערטע בולווארן; מיט די הונדערטער סטאטועז און מאנומענטן, ווי אויך די שטילע שמאָלע גאסן און געסלעך, צווישן די ענגע, אלטע מויערן פון יאָרהונדערטע? וואס איז דער לעבנס־סדר פון דעם פראנצויז: אין גאס, אין קאפע און אין דער היים? וואס איז זיין עקאָנאָמישער און קולטורעלער מצב? איז טאקע פאראן א חילוק, — ווי דער ניט פּאַריזער דענקט — אין דעם מאראלישן בליק, אויף זאכן און באַציאונג בנוגע מאן און פרוי? ווי שפּיגלט זיך אָפּ דער מאראלישער באנעם און אויפפירונג, אויף דער טעאַטער בינע? וואָלט מען, לאָמיר זאגן, דערלויבט אין אונדזער פוריטאנישער אמעריקע, אזוי־פיל פשוטע פרויען נאקעטקייט, אויף דער טעאטער בינע, ווי ס'ווערט, אין נאמען פון דער קונסט, אויפגעפירט אין פּאַריז? ווי אזוי נעמט עס אויף דער פראנצויז, דער פּאַריזער? און, ווי לעבט זיך דעם יידן אין פּאַריז? וואס איז דער יידישער און קולטורעלער מצב דאָרטן, און וועלכע פּראָבלעמען באאומרואיקן זיי?

כ׳האב דא אנגעוואָרפן א היפש ביסל פראגן, וואס כ׳גלויב אז ס׳איז פאר יעדן, ניט ווייניק, אינטערעסאנט צו וויסן. כ׳וועל, לכן, פרובירן אין מיין עקסקורסיע, מיט אייך, זיך טיילן מיט די איינדרוקן, וואס כ׳האָב באקומען, ווײַלנדיק די קורצע צייט, אין פאריז . . .

אבער קודם כל, פאריז: — אַן אלטע, זייער אלטע שטאָט. איר געשיכטע ציילט שוין מער ווי צוויי טויזנט יאר. אירע היסטאָרישע בנינים, די אומצייליקע פאלאצן פון די קיניגע און מארקיזן. דער ווערסאילער פאלאץ, וואו די „ארמיסטיס" פון דער ערשטער וועלט מלחמה, איז אונטערגעשריבן געווארן, איז אַן אויסערגעוויינלעכער רייכער קונסט מוזעאום אַן און פאר זיך. די בארימטע „נאטרע־דאם" מיט אירע אינערלעכע קונסט־ווערטן און די דרויסנדיקע לעגענדארע שטיין־פיגורן, און אנדערע היסטאָרישע קלויסטערס, וואס פאריז ציילט פון זיי, א סך.

אינטערעסאנט איז צו דערמאנען אז אויף איין קלויסטער אין פאריז, האָט מען אונדז אנגעוויזן, ביים סאמע אריינגאנג אין דער הויך, איז געווען פון שטיין אויסגעהאקט א פאר לוחות, — די צען געבאָט.

ווען די היטלערישע חילות ימח שמם וזכרם, האָבן אריינ־געדרונגען אין פאריז, האבן זיי ניט פארפעלט אפצוקראצן די יידישע אותיות פון די לוחות. הגם צייכנס פון דעם „לא תרצח" האָט זיך נאָך געלאזט מערקן . . . א צאל פון גאר אלטע בנינים, ווערן כסדר פארריכט, באפעסטיקט, כדי די היסטארישקייט זייערע פרעזער־ווירן. אינזשינירן גיבן צו, אז גאָר צו לאנג וועלן אייניקע פון די בנינים מער ניט אויסהאלטן. זיי וועלן מיט דער צייט צעקרישלט ווערן פון אלטקייט. אבער, מיט זייער אלטקייט, זיינען זיי נאָך אלץ, וואונדערלעכע קונסט־ווערק, הן אין דער ארכיטעקטור, הן אין די געמעלעכצן.

מיר זיינען אריין אין דעם וועלט בארימטן לואוור מוזעאום, איז עס באמת א גאָט געבענטשטער קונסט טעמפל. צו וועלן דארט אלץ באטראכטן און טיף באנעמען, דארף מען כאטש ארומ־גיין אין די מוזעאום־זאלן א פאָר וואָכן. מיר האָבן אָבער די וויכ־טיקסטע היסטארישע און מאדערנע געמעלען, געזען. און, מע דארף דוקא ניט זיין קיין גרויסער קונסט מבין, כדי צו פילן און פארשטיין די גרויסקייט פון די קונסט־ווערק: איר זעט קאלאסאלע מאָלערייען פון היסטארישע געשעענישן, און מענטשן, ווי לעבע־דיקע פון בלוט און פלייש אויסגעפורמטע, כמעט ווי באוועגלעכע.

אייער אויג קען זיך פון זיי נישט אפרייסן, אזא טיפן שטארקן רושם, מאכן זיי אויף אייך.

פאר דער ברייטער ציוויליזירטער וועלט איז גוט באוואוסט דאס בארימטע בילד פון לעאנארדא דאַווינטשי, לאַ־דזשיקאנדא. אָדער בעסער באקאנט, ווי „מאנא־ליזא". אָט די בארימטע מאנא־ליזא, וועגן וועלכער די וועלט האָט געקלונגען מיט דעם, ווען מע האט זי אמאל ארויסגעגנב׳עט פון דער לואוור, און נאכדעם האָט מען זי געפונען; איז אָט די, פון דער וועלט באוואונדערטע מאנא־ליזא, הענגט איצט ווידער אין דער לואוור, אויף א זייער באשיידענעם אָרט, אין א גאנץ געוויינלעכער ראָם, פון א קליינעם פאָרמאט, 24 ביי 36 צאָל. אָבער, אָט די קליינע בילד, פון מאנא־ליזא, מיט דעם אויסערגעוויינלעכן סטאישן שמייכל, ציט צו זיך דעם אויפמערק פון די מערסטע באזוכער. די מוזיי פארוואלטונג דערלויבט מאלער און סטודענטן, אריינקומען אין מוזעאום, מיט זייערע איזלס, קעסטלעך פארבן, לייוונטן און פינזלס, כדי צו קאפירן די קונסט ווערק. כ׳האב באטראכט די „קאפיסטן" ביי דער ארבעט, טייל ווי אָנגעהויבענע ארבעטן און טייל ווי פאר־ענדיקטע און, ס׳איז טאקע ניט מער ווי נאָכהאמונג. ווייט, ווייט פון די אָריגינאלע גרויסע מייסטער, וועמעס קונסט ווערק ס׳הענ־גען אויף די ווענט אין דער לואוור. יאָ, מאנא־ליזא׳ס שמייכל, איז שווער, אוממעגלעך צו קאפירן. דאס אייגענע קען געזאגט ווערן, בנוגע די סקולפטורן פון שטיין, גיפס, האלץ און בראנז. און סטאטועז אין פאריז זיינען פאראן לרוב, ניט נאָר אין מוזע־אומס, נאר אויך אויף די מויערן, באזונדערס אויף די היסטארישע בנינים און אינסטיטוציעס, אויף די וואונדערלעכע גרויסע און ברייט רחבות׳דקע בולווארן. איר פאָרט דורך די בולווארן און גרויסע פארקן אין פאריז און ארום און, אומעטום, היסטארישע מאנומענטן פון גרויסע פערזענלעכקייטן: שריפטשטעלער, דענקער, פילאסאפן און קעמפער, פון פארגאנגענע יארהונדערטער. איר זיינט אונטערן איינדרוק, ווי איר וואלט זיך געפונען אין א פארכישופט, לעגענדאריש אויסגעחלומט לאַנד.

פאריז איז צעטיילט אין דער אלט־היסטאָרישער טייל און, אין דער ניי־מאָדערנער. דער אלטער טייל איז געבליבן אלט אין אויסזען, ניט פאררירכט, ניט רעמאדעלירט, און ס׳ווערט אלץ פרע־זערווירט אין איר אנטיקוויטעט; היסטאָריש. די פאריזער וואָלטן עס באטראכט פאר א חילול, צו פארשווערכן די הייליקייט פון דעם אלט־היסטאָרישן ווערט, מיט דעם, וואס מע וואָלט די בנינים

באנייט. מאכט דאָס טאקע אויף די מערסטע טוריסטן א מאָדנעם איינדרוק. ווי אזוי וואשט מען עס ניט ארום אביסל די שטאָט בנינים, און די פּריוואטע געביידעס. אלץ זעט דאָך אויס אזוי פאַרשוואַרצט, פאַרדרויכערט און פאַרגרינט פון אלטקייט. פרעגט איר א פראנצויז, ווארום איז עס אזוי? ווארום וואשט מען טאקע ניט ארום דאס פּנים פון שטאָט? וועט ער אייך תיכּף געבן א פאַר־טיקן תּירוץ: „וואס מיינט איר? טוען מיר דאס, וועט דאָך אונדזער ליבע פּאַריז פאַרלירן איר היסטארישן ווערט און חן! ניין, פּאַריז איז שיין און גלאָריפיצירט אין איר היסטארישער אנטיקוויטעט!"

כ'מיין אָבער אז דאָס איז ניט די איינציקע סיבה. פראנקרייך האָט שטאַרק געליטן פינאנציעל. צוויי מלחמות אין איין פערטל יאָרהונדערט. די מלוכה־קאַסעס זיינען ממש אויסגעליידיקט. דער פּריוואַטער אייגנטימער אדער „לענדלאָרד" וויל ניט, און קען גאָר־נישט טאָן, פאַר זיינע הייזער, מחמת, לויט דעם געזעץ, קען ער ניט העכערן קיין דירה־געלט זיינע שכנים. האט איינער געצאָלט פריער דאס מינימאַלסטע, טאָר ער נישט אים מאכן צום ארויס־ציען זיך און, אויך נישט העכערן דאָס דירה־געלט. אזוי ארום זיינען כמעט אלע וואוינונגען אין אלט פּאַריז, סיי אינווייניק און סיי דרויסן זייער שטאַרק אַפּגעלאָזן. איר גייט אריין אין א בנין: די טרעפּ קרעכצן, די ווענט זייער שמוציק, גאנצע שטיקער סאַזשע און שטויב אויף די ווענט און אלץ. קיינער פון די שכנים געפינט ניט פאַר נויטיק אָפּצושטויבן אדער אָפּצוואַשן. אזוי האָבן מיר עס געפונען אין א היפּשע צאָל הייזער סיי צווישן יידן און סיי צווישן ניט יידן. עס זיינען, נאַטירלעך, פאַראַן דא און דאָרטן אויסנאַמען.

מיין באגלייטער, א לאַנג יאָריקער תּושב אין יידישן פּאַריז, האָט דוקא געוואָלט באַשטעטיקן דעם געדאַנק אז, די פּאַריזער ווילן פאַרזערווירן די היסטאָרישקייט פון די הייזער, האָט ער מיר אנגעוויזן אויף א רעמאַדעלירטן בנין; אָבער דער טויער צום בנין, וואס איז שוין אלט אַן ערך 150 יאָר, האָט מען ספּעציעל איבער־געלאָזט לזכר.

אנדערש איז דער נייער טייל פּאַריז, דער מאָדערנער: די בנינים הויכע, שיין אין סטיל און ארכיטעקטור, אָן די פאַרשיי־דענע קאַרניזן, רעליעפן ווי אין אלטן סטיל, מיט אָרנאַמענטן — איינפאַך און „סטרימליינד". די גאַסן זיינען ברייטער און אויך ריינער.

דער פּאַריזער לעבט מערער אין דער קאַפע ווי ביי זיך אין

דער היים. און אפשר טאקע דערפאר, וואָס די שטוב זיינע איז איינג, איינגעקרעמפּט און טונקל, צווישן די אלטע מויערן און געדיכטע איינגע הויפן, וואו אביסל זון־שיין קען זיך קוים אריינ־רייסן אין פענצטער. זעט איר טאקע די פאריזער, מערסטנס, אין די גאסן, אין די טעראסן־קאפעען און רעסטאראנען. אין די צענד־ליקע הונדערטער זיצן זיי, סיי אינוויינניק און סיי אין דרויסן; מיט פריינט, געליבטע און פאמיליעס; מע זופּט לאנגזאם און געמיט־לעך: טיי, ביר, וויין אדער אנדערע געטראנקען און צובייסן.

א פאריזער — גייט דאָ ארום א ווערטל — האלט פון פיר זאכן: וויין, ווייב, עסן און פארפיום. זעט איר טאקע אין די גאסן שפאצירן, שיינע עלעגאנטע דאמען און, דער שטארקער, פאר־כאפנדיקער אראמאט פון דעם פארפיום זייערן לאָזט זיך, נאָך זיי, שטארק פילן . . .

איר קענט אויך אין גאס באגעגענען, א בחור מיט א מיידל שפאצירנדיק, זאלן אין מיטן־דערינען אפשטעלן זיך און גאנץ גע־שמאק זיך קושן; און קיינער זאל ניט שיינקען קיין באזונדערן אויפמערק. ביי די פראנצויזן איז דא אן איינפיר אז, ווען צוויי פריינט באגעגענען זיך, צעקושט מען זיך אויף ביידע באקן: אזוי איז דער מנהג. אז א גאסט, א טוריסט, וועט זיך טרעפן מיט א פאריזער, וועט ער צווישן אנדערעס אויך א פרעג טאָן: „האָט איר שוין געזען די פאליס בורזשעי?״ אין אונדזער אמעריקאנער לשון מיינט עס „בורלעסק״. אָבער, ס׳איז אנדערש, א סך אנדערש, פון די וואולגאר־ביליקע בורלעסקן, וואס מע טרעפט ביי אונדז, אָדער די אזוי גערופענע „סטריפּ טיזערס״ פון די ביליקע טעאטערע. די „פאליס בורזשעי״, מיט וועלכע א סך פון די פאריזער שטאָל־צירן, זיינען באמת וואונדערלעכע קונסט פארשטעלונגען, וועלכע פארערלעכן און גלאריפיצירן די קערפּערלעכע פרויען שיינקייט אין איר גאנצער מוטער־נאקעטקייט. די פארשטעלונג איז אזוי פלאסטיש קינסטלעריש אויפגעפירט, אז פאר דעם ראפינירטן צו־שויער רופט עס ניט ארויס דעם מינדסטן וואולגארן געפיל: ס׳דער־שיינען פאר אייך לעבעדיקע באוועגלעכע קונסט־בילדער, און איר באטראכט זיי מיט דעם געדאנק און געפיל ווי איר וואָלט געזען פאר זיך, די בארימטע „ניודס״ פון א מאדיגליאניס, פיקאסאס אדער מאנעטס שאפונגען.

כ׳וואָלט געזאָגט, אז „פאליס בורזשעי״ אין פאריז איז גע־ווארן, כמעט, שטייגעריש־קלאסיש, און ווערט געשפילט און אויפ־געפירט אין פאריז, יאָר איין־יאָר אויס אין פארשיידענע ווא־

ריאציעס. ביי די מערסטע פאריזער פאמיליעס, איז עס, כמעט ווי א חוק צו באזוכן איינמאל כאטש, אט די עקסצענטריש־קינסט־לערישע פארשטעלונג. אלע ווייסן וועגן דעם און גרויסן זיך אפילו מיט דעם. אזא פארשטעלונג וואָלט געווען אן אויסערגעוויינלעכע אוניקום און זיכער א ניט דערלויבטע דערשיינונג אין אונדזער פוריטאנישער אמעריקע . . .

אין דער פרייער פאריז איז עס א גאנץ נאטירלעכע און ווייט ניט קיין סענסאציאָנעלע אויפפירונג.

אָט אזוי, זעען מיר צוויי מאסן פון מאראל ביי צוויי באַזונדערע ציוויליזירטע פעלקער. אויך מאכט דער פראנצויז פון עסן א מאָלצייט א מין קולט און א פעסט. אונדז איז אויסגעקומען צו זיין פאר אן אוונט־מאלצייט ביי אן עכט פראנצויזישער, ניט יידישער פאמיליע. דער אוונט מאלצייט האט זיך אנגעהויבן אכט אין אוונט און האָט זיך געענדיקט נאָך צוועלף מיטנאכט. ביי אונדזער אנקומען, האָט מען אונדז מכבד געווען מיט איין סארט וויין, נאכן פארשפייז, מיט א צווייטן, אין מיטן דעם מאלצייט, א דריטן און גאָר צום סוף א פערטן. א מין ארבע־כוסות, צו אונדזערן א פסח־סדר.

איך וועט זיכער אינטערעסאנט זיי צו וויסן, ווי קומען מיר, יידישע יידן פון אמעריקע, ניט קענענדיק, א ווארט אפילו, פראנצויזיש זאלן גאר אין גאנצן געווען געלאדן צו ווערן, צו א ניט יידישער, עכט פראנצויזישער משפחה, צו א מאלצייט? דאָס זעט איר איז אן און פאר זיך א גאר באזונדער אינטערעסאנטער עפיזאד צו דערציילן . . .

ביים סוף פון דער צווייטער וועלט מלחמה, נאָך דעם נצחון איבער די דייטשן, האָט די אמעריקאנער זיגרייכע ארמיי אריינגעמארשירט אין פאריז. צווישן די אריינמארשירנדיקע אמעריקאנער סאלדאטן, איז אויך געווען מיין זון. די גליקלעכע באפרייענדיקע פאריזער זיינען ארויס אין די הונדערטער און טויזנטער, אין די גאסן, זינגענדיקע, טאנצנדיקע און לוסטיקע, באגעגענען זייערע דערלייזער. האט מען געהוליעט און געקושט זיך מיט די יונגע אמעריקאנער „דזשי אייס”. א גרויסע לעבעדיקע, אומבאַגרענעצט־פרייהייטלעכע שטיק מענטשהייט האָט זיך ברידערלעך פאראייניקט אין איין גרויסן פייערלעכן יום־טוב, פון פרייהייט און נצחון . . .

אַ גאָר יונגע, שיין סימפאטיש פראנצויזיש מיידל, האָט אין אָט דעם פריילעכן און טאנצנדיקן געווירבל, זיך פלוצלונג געפו־

נען אין די ארעמס פון מיין זון. און אזוי זינגענדיק און טאנצנדיק, האָט די מיידל אים אויך איינגעלאדן צו די עלטערן אירע אין הויז אריין, און אזוי ארום איז ער געווארן אין אט דער פריער דערמאנטער פראנצויזישער פאמיליע אן אפטער בן־בית. יעדעס מאל, ווען ער האָט געהאט אן אורלויב פון דער ארמיי, פלעגט ער פארפארן צו אט דער משפחה, פון אט דער צופעליקער באקאנטער מיידל, מיטן נאָמען קריסטינא. די עלטערן האבן אים שוין געהאלטן ווי אן אייגענעם, ווי איינער פון דער משפחה. ווען מיין זון איז ענדלעך בשלום און א געזונטער אהיים געקומען, האָט ער אנגעהאלטן מיט דער משפחה, ריכטיקער, מיט דער מיידל, א קארעספאנדענץ, ד.ה., ניט אזוי ער, ווי מיין שנור. די מיידל האָט זיך אויסגעלערנט אביסל שרייבן ענגליש און די בריוו צו די קינדער זיינען געווען, אויף איר אופן, נאאיוו, אינטערעסאנט און פריינטלעך. די קינדער מיינע פלעגן, צו אירן א געבוירן־טאָג, שיקן א מתנה. די קארעספאנדענץ האָט אנגעהאלטן עטלעכע יאָר. מיט דער צייט האט קריסטינא חתונה געהאט, אָבער דאס איבערשרייבן זיך, האט אנגעהאלטן.

ויהי היום, מיר האָבן באשלאָסן צו פארן נאך ישראל. און, ווי שטעלט מען זיך ניט אפ אויף א באזוך אין אט דער גרויסער, וועלט בארימטער מעטראפאליע — פאריז? אין א בריוו צו קריסטינא האָבן מיינע קינדער איר באקאנט געמאכט אז מיר, די עלטערן זייערע, וועלן אויף דער רייזע נאך אייראפע און ישראל, אויך זיין אין פאריז., די און די דאטע. קריסטינא האָט תיכף געענטפערט אז, זי וואלט זייער וועלן אונדז זען און זי דערווארטעט מיט פרייד די באגעגעניש. איר מאן, שרייבט זי, איז א לערער אין א פאלק־שול, זיי האָבן געקויפט א נייעם „אויטא” און זיי וועלן גליקלעך זיין אונדז מקרב צו זיין. צו מאכן די געשיכטע בקיצור, מיר זיינען אנגעקומען אין פאריז, און טאקע אויף מארגן איז די וואונדערבארע, שיינע באשיידענע קריסטינא געקומען צו אונדז אין האטעל און האָט אונדז איינגעלאדן צו אירע עלטערן, צו אָט דעם פון פריער דערמאנטן אוונט־מאָלצייט. אזוי ארום האָבן מיר געהאט די זעלטענע געלעגנהייט, צו באקענען זיך נאָענט מיט אן אמת פאלקסטימלעכער עכט פראנצויזישער משפחה, מיט זייער שטייגער לעבן און טראדיציעס.

לאמיר אייך באקאנען ביים טיש פון דעם זאנדערבארן מאָלצייט מיט דער משפחה. דער פאטער אירער, קריסטינאס, איז א פרינציפאל אין א פאָלק־שול. אן אינטעליגענטער מענטש, האָט

אפילו אנגעשריבן א ווערק איבער דעם בארימטן פראנצויזישן שרייבער, עמיל זאלא; אָבער, א זייער פשוטער, לעבנס־לוסטיקער, ליבעראלער פאָלקס־מענטש. מאכט אייך תיכף צו פילן היימיש, ווארעם און גוט־ברודעריש; די מאמע אירע, א גאנץ סימפאטישע, מיטליאריקע פרוי מיט א צופרידן שמייכלענדיקן פנים; א יונגע־רער ברודער, קריסטינאס, געדענקט נאך מיין זון, ווען ער פלעגט ארייַנקומען אין הויז. ער איז דאן געווען נאָך א צען־יאָריק יינגל. איצט, דארף ער שוין גיין אין דינסט אין דער פראנצויזישער ארמיי; אן אלטע מוטער, דעם פאטערס, אן אכציק־יאריקע, אָבער גאנץ סטאטנע און כמעט פריציש; קריסטינאס מאן — א גאנץ יונגער, האָט מערער דעם אויסזען פון א דייטש און, פארשטייט זיך, קריסטינא. דאָס איז געווען די — משפחה. איך און מיין פלוניתטע — די געסט. דאָס איז געווען, אזוי צו זאגן, דער גאנ־צער אנסאמבל ביי דעם טיש. ווי אזוי אָבער האט אט דער דאזי־קער צוויי־פרעמד־שפראכיקער, ניט פארשטעיינדיק איינער דעם צווייטן, אנסאמבל, דאך געקענט הארמאנירן, אין א פרעמדער אט־מאספערע, און ניט ארייַנברייַנגען א דיסאנאנס? האבן מיר זיך טאקע אליין פריער שטארק געוואונדערט. און ס'איז טאקע געווען ביי אונדז, די פאר טעג איידער מיר זיינען צו זיי געקומען, א פראב־לעם. מיר האבן זיך רק געזאָרגט: ווי וועלן מיר דאך מיט זיי שפראכלעך אויסקומען? ניט מיר קענען פראנצויזיש, ניט זיי קע־נען ענגליש. זיצן סתם ווי שטומע, אן א ווארט אויסצורעדן, וואָלט דאך געווען זייער מאדנע, אומבאקוועם און כמעט קאָמיש־טראַ־גיש! איז טאקע געווען מאמענטן, וואס מיר האבן שטארק זיך געישובט: אפשר גאר נישט גיין? געפינען עפעס א תירוץ, אבי זיך אויסצודרייען פון אט דער מאדנער ניט אנגענעמער סיטו־אציע, וואס דערווארטעט אונדז?

מיר האבן ניט געפונען קיין פאסיקן תירוץ. דאס פארל, קריס־טינא מיט איר מאן, זיינען געקומען מיט זייער אויטאמאביל און אונדז געבראכט אהינצוצו, און אזוי האבן מיר זיך געפונען ביי אט דעם מאלצייט, פון אט דער צו אונדז, אין אנהויב, פרעמדער פראנצויזישער משפחה.

קריסטינא, ווי געזאָגט, האט זיך אויסגעלערנט אביסל ענג־ליש שרייבן, אבער ריידן איז איר געווען א סך שווערער. דער מאן, אירער, האט נאך ווייניקער פארשטאנען ענגליש, אבער אביסל דייטש, יא פארשטאנען. דער טאטע אירער האט גאר קיין ענג־ליש ניט געוואוסט, אָבער אביסל דייטש, טאקע נאר אויף א שפיץ

מעסער. אזוי אז צווישן דעם חצי־דייטש און "פאַליוויגע" ענגליש זיינען מיר שוין געווען אויפן וועג מיט זיי. און וועלכער ייד קען עס ניט קיין דייטש? האָב איך מיר, דעריבער, באמיט צו ריידן אָט יענעם דייטשמערישן יידיש, וואָס מע האָט גערעדט און גע־שריבן ביי אונדז מיט א 45 יאָר צוריק. ווי למשל: גראָסע, און שטראַסע, און אבענט און אנדערע דייטשמעריזמען. אזוי האָט מען זיך ביים מאלצייט־טיש איבערגעוואָרפן מיט אפגעהאַקטע, קוים פארשטענדלעכע שמועסן, און פארטרונקען מיט כלערליי וויינען צווישן איין פאטראָווע און א צווייטער. מיין פלוניתטע, ווידער, וועלנדיק מיך אפּווענדן פון טרינקען צופיל ווייַן, האָט זי היי־מישלעך א זאָג געטאָן צום הער פון הויז, אין אונדזער יידישן־העברעאיש: „איר וועט אים נאָך אנשיכור'ן!" כ'האָב געמוזט דער־שטיקן אין זיך א געלעכטער וואָס דאָס העברעאישע וואָרט שיכור, האָט ארויסגערופן ביי מיר, אין אַט דער פראַנצויזישער מסיבהלע. אָבער אזוי ווי זיי האָבן אונדזער יידישן דייטש סיי ווי ווייניק פארשטאַנען, האָבן זיי, נאַטירלעך, דעם „העברעאישן שיכור" אויך פארבייגעלאָזן אומבאַמערקט . . .

פונדעסטוועגן, מיט די אלע שפּראַכלעכע ריקזיכטן און צום מאָל ניט פארשטענדלעכקייטן איז דער אָוונט דורכגעגאַנגען גאַנץ געמיטלעך, מענטשלעך און פאַלקסטימלעך, אז מיר האָבן אויף איין מאָמענט, כמעט ווי ניט געפילט אַט יענע אומבאַקוועמלעכ־קייט וואָס איז געוויינלעך פאַראַן צווישן מענטשן, פרעמד־שפּראַ־כיקע, ניט פארשטייענדיקע איינע די אַנדערע.

דער אָוונט מאָלצייט האָט זיך געענדיקט אין א גאַנץ פריינט־לעכער, געהויבענער שטימונג. ווען כ'האָב א בליק געטאָן אויף מיין האַנט זייגער איז שוין געווען 12:30 מיטנאַכט.

כ'האָב נאָכדעם א טראַכט געטאָן: ווי גוט ס'וואָלט באמת גע־ווען ווען די וועלט וואָלט דאָך אָנגענומען איין שפּראַך פאַר אלע פעלקער. אָט ווי, למשל, דר. זאַמענהאָף'ס „עספּעראַנטאָ". וויפיל מיספארשטייענישן ס'וואָלט אפשר אויסגעמיטן געוואָרן. און גוטע באַציאונגען וואָלט צוליב דעם אויך איינגעפירט געוואָרן, צווישן די פארשיידענע פעלקערשאַפטן. אפשר וועט אַזאַ חלום, אַמאָל נאָך ווערן א רעאַליטעט? . . . אפשר, לאָמיר האָפן!

אויב מיר האָבן נאָך ניט לעת־עתה קיין „עספּעראַנטאָ" — איין לשון פאַר אלע פעלקער, כדי צו פארשטיין זיך; האָבן מיר אָבער מוזיק און געזאַנג, וואָס איז זיכער אינטערנאַציאָנאַל, און האָט איין לשון און איין קלאַנג. אַנטקעגן וואָס זאָג איך עס?

מיט עטלעכע טעג שפעטער, איז קריסטינא מיט איר מאן, פאול, פארפארן צו אונדז אין האטעל און אונדז ארויסגענומען אין זייער אויטאמאביל פאר א רייזע, א 100 מייל, מחוץ פאריז. האבן מיר טאקע געזען, שיינע פלעדער, גרויסע שפע׳דיקע פער־מעס און שיינע שטעטעלעך. בכלל זיך באקענט אביסל מיט דער פראַנקרייך פון דארף און קליין שטעטל.

דער טאג איז געווען א פרילינגדיקער, א פרעכטיק זוני־קער און אן ערלעך שיינער. די וועגן שיינע, ברייטע, מיט בוי־מער פארפלאנצטע, ביי די זייטן. די פעלדער פלאכע, גוט צע־אקערטע, ערטערווייז גרויסע פיר־עקיקע גרינע שטיקער לאנד, מיט א גרינעם וואקסנדיקן ווינטער־ווייץ. קליינע ישובים, שטע־טעלעך, צעווארפן, פון איין מרחק צום צווייטן. אויך די שטעט־לעך פעלט ניט א ביר סאלאן אדער קאפע, און א פאר אנטיק־קראמען און בילדער וואס הויכט מיט קינסטלערישקייט.

ווי געזאָגט, איז מוזיק, געזאנג, אן אינטערנאציאָנאל לשון. האבן מיר טאקע געפונען דעם וועג צו פארשטיין זיך און פאר־ווילן די צייט, דורך געזאנג בציבור, אויב מע קען עס אזוי אָנ־רופן. אט האב איך פארצויגן א ניגון פון דער אפערע „ריגא־לעטא״, וואס מיר האבן מיט א פאר נעכט צוריק געהערט אין דער פאריזער אפערע. און ס׳האט תיכף געפונען א ווארעמען אָפּ־קלאנג, ביי מיינע מיטפארנדיקע פראנצויזישע פריינט.

קריסטינא און פאול, האָבן נאכדעם פארצויגן א טאן פון „קארמען״ און „בארבער דע סעוויל״ און, פארשטייט זיך, אז כ׳האב מיטגעהאלטן. ווען די „דזשי אייס״ האבן געוויילט אין פאריז, האבן זיי איבערגעלאזט א צאל אמעריקאנער פאפולערע לידלעך, האט מען ווידער צוזאמען געזונגען. הכלל, די גאנצע נסיעה איז געווען א זינגעוודיקע, לויטער לעבעדיק און פריילעך געזאנג.

ווען כ׳האב געוואלט פאר זיי זיך ארויסווייזן מיט מיין טא־לאנט און א זינג געטאן א סאלא, אויף א הויכער אקטאווע און ס׳איז גראדע ארויסגעקומען געראטן, זיינען מיינע פראנצויזישע פריינט, גאר צעווארעמט און באגייסטערט געווארן, בקיצור, ס׳איז געווען פאר אונדז א טאג, פון אן אנגענעמער רייזע, אויף די פרעכ־טיקע שיינע וועגן צווישן די גרינע פעלדער און א קלאר בלויען הימל, איבער דער שפע׳דיקער פראנצויזישער ערד . . .

כ׳האב נאכדעם א טראכט געטאן:

א, ווען מע לאזט נאר לעבן אויף דער וועלט! ווען די גרויס־

מאכטן און הערשער וואלטן באמת ניט געזוכט קיין מלחמות צו פארפירן; ניט אינסטיגירט איין פאלק קעגן צווייטן; וואלט דאָס מערסטע רשעות, וואס איז פאראן, כמעט ווי פארשוואונדן. א סך, גאר א סך מיספארשטענדענישן וואלטן עלעמינירט געווארן. דער מענטש וואלט דערהויבן געווארן צו בעסערע און שענערע מעשים; — גוטע באציאונגען פון ראסע צו ראסע, פון מענטש צו מענטש. אפשר האט ישעיה הנביא טאקע דאס געמיינט מיט זיין באַרימטן מאמר: „והיה באחרית הימים״:

און ס׳וועט קומען א צייט,
ווען מענטש, מענטש וועט פארשטיין
און אן ערלעכע ליכטיקע
וועלט, וועט אנטשטיין . . .

מיר האבן יענעם אוונט זיך הארציק צעזעגנט מיטן יונגן פאר פאלק. מיט דער באשיידענע קריסטינא, אפילו צעקושט זיך, לויט דעם פראנצויזישן מנהג, איןביידע באקן. די באקאנטשאפט און דער ערלעכער טאג, וועט זיכער ביי אונדז בלייבן, ווי איינער פון די שענסטע לויטערע דעראינערונגען . . .

יידן אין פאַריז

וואָס איז מכוח דעם יידישן לעבן אין פאריז? כ׳מיין אונדזערע יידישע יידן, די וואס זיינען דערצויגן געווארן אין די ארבעטער און פאלקס באוועגונגען און אויף דער יידישער וועלטלעכער קולטור? און אויך וועגן די פראנצויזישע יידן, די שוין פון לאנג איינגעזעסענע, איינגעווארצלטע אויף דער פראנצויזישער ערד און קולטור? איז וואס שייך די לעצטע, האבן זיי, שיינט מיר, די זעלביקע כאראקטער שטריכן, ווי די יאהודימשע יידן אין אלע אנדערע לענדער: א סך פון זיי לאזן זיך אפילו ניט דערקענען, ווי יידן. אין בעסטן פאל רופן זיי זיך פראנצויזן פון יידישן גלויבן. עס איז, פארשטייט זיך, אויך פאראן א שיכט, צווישן די רייכע, מיט א נייגונג צום ציוניזם און ישראל. זייער יחוס ציען זיי נאָך פון דער פראנצויזישער „אליאנס איזראילעט״, וועלכע האָבן נאָך אין 1870 געהאלפן גרינדן די קאלאניע אין פאלעסטינע, צו יענער צייט, מקוה ישראל; וואס איז עד היום פארבליבן ווי אן עקס־

פּערימענטאַלע שולע פאַר אַגריקולטור. עס זײַנען מסתּמא אויך פאַראַן אין פּאַריז אַזעלכע ייִדן, ווי אונדזערע דאָ, פון „קאָונסיל און דזשודאַיזם" — דאָס איז דאָך אַ ייִדישע צרעת וואָס וואַקסט אויס אויפן ייִדישן אָרגאַניזם, אומעטום, צווישן אַ געוויסן עלע־מענט, וואָס וויל כּסדר זײַן „פּאַפּסטלעכער פון פּאַפּסט" כּלפּי דעם פּאַטריאָטיזם פון לאַנד אין וועלכן ער לעבט.

וועל איך דעריבער זיך מערער אָפּשטעלן אויף די ערשטע. די וועלכע באַוועגן זיך אין די פּאַרטיי ריכטונגען, און פאַרנעמען אַ פּירנדיקע ראָלע אין די ייִדיש וועלטלעכע קרײַזן. די פּאָליטישע צוויסטיקייטן און מחלוקת'ן צווישן די ייִדישע פּאַרטייען אין פּאַ־ריז, זײַנען גוואַלדיק גרויס. מע רײַסט זיך נאָך אַלץ אַרום איבער אַ קוצו של יוד, איבער די פּראָגראַמען און טעאָריעס, ווי אַזוי צו ראַטעווען די אָרעמע מענטשהייט נעבעך. מיר דאָ, אין אַמע־ריקע, האָבן שוין דוקא, אַ היפּשן שפּאַן געטאָן, אין דער ריכטונג פון פאַראייניקונג פון די ייִדישע קולטור שעפערישע כּוחות, לטובת דער ייִדישער קולטור. בעת אין פּאַריז און אין ישׂראל, מאַכט יעדע פּאָליטישע ריכטונג „שבת פאַר זיך" און זוכט פּאָליטיש און קולטורעל, צו האָבן די העגעמאָניע אויף דער ייִדישער גאַס, האָט מען שוין בײַ אונדז, דאָ אין אַמעריקע, זיך דערהויבן צו דער מדרגה, צו קענען זיצן בײַ איין טיש און פּלאַנירן פאַראייניקטע קולטור אַקציעס.

מירן נעמען, למשל, דעם „אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור קאָנ־גרעס", „ציקאָ" אָדער „ייוואָ". ס'איז פאַר קיינעם קיין סוד, הגם אין דער פירערשאַפט פון די דערמאָנטע קערפּערשאַפטן, שטייען אויסגעשפּראָכענע בונדיסטן און אַנדערע „איסטן", וועט אָבער קיי־נעם ניט אײַנפאַלן פון די ריכטונגען, צו וועלן באַהערשן פּאָלי־טיש אָט די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן אַלע אײַנגעזען די וויכטיקייט פון אַ געמיינזאַמער פאַראייניקטע טעטיקייט פאַר אונדזער ייִדישער קולטור. און דעריבער טאַקע טראָגן די דער־מאָנטע קערפּערשאַפטן אויף זיך דעם חותם פון איבערפּאַרטיי־אישקייט און קענען האָבן אַ ברייטערע פּעריפעריע. אין פּאַריז, אויף וויפל איך האָב אָפּגעשאַצט דעם דאָרטיקן ייִדישן קולטור מצב, קען אַזאַ זאַך לעת־עתּה, גאָרנישט געמאָלט זײַן.

פון מײַנע אָבסערוואַציעס און באַגעגענישן מיט קולטור טוער, וואָס טראָגן זיך ניט אַרום מיט דעם עמבלעם פון דער פּאַרטיי, האָבן זיך באַקלאָגט אויף דעם ביטערן גורל זייערן און אַז זיי זוכן מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך צו באַשיצן, כּדי ניט צעריבן

ווערן צווישן די מילשטיינער פון די הערשנדיקע פאליטישע פאר־טייען אויף דער יידישער גאס דארטן.

כ׳האב געהאט דעם כבוד צו זיין ביי א פאר זיצונגען פון די דארטיקע יידישע קולטוריסטן. דער באוואוסטער שרייבער אשענדארף האט יענעם אוונט רעפערירט איבער דער טעמע: „וואס איז הומאר" און א לאקאלער פעליטאניסט, האט געלייענט פון זיינע הומארעסקעס. דער ארטיסט הערץ גראסבארד, איז יענע וואך אויפגעטראטן אין א ווארט קאנצערט. ביי זיין אריינקומען אין זאל איז ער איינגעלאדן געווארן צום פרעזידיום טיש, און האט באגריסט דעם עולם. דער פארזיצער פון אוונט האט נאכדעם מיך פארגעשטעלט, אלס גאסט פון אמעריקע און פרעזידענט פון לאס אנגעלעסער יידישן קולטור קלוב. „א געזעלשאפט — האט ער באמערקט — מיט וועלכע מיר האבן א נאענטע קרובה׳שאפט". (זיי האבן דארטן ניט לאנג צוריק געגרינדעט אזא קולטור קלוב). כ׳האב זיי איבערגעגעבן א גרוס פון דער יידישער אמעריקע און פון ל. א. יידישן קולטור קלוב. כ׳האב זיי אויך אנגעוויזן, אז נאר אין אן איבערפארטייאישער קולטור געזעלשאפט, וועלן זיי ביכולות זיין צו פאראינטערעסירן דעם בעסערן קולטור שעפע־רישן עלעמענט, וועלכער איז שוין מיד פון די אזוי גערופענע פארטיי מחלוקת׳ן, וועלכע האבן קיינמאל נישט געבראכט קיין ממשותדיקע קולטור־ווערטן אין יידישן לעבן.

ביי א קלענערער מסיבה, אין א פריוואטער שטוב, מיט די שרייבער פוקס, קארנהענדלער, הערמאלין, דער אלטער קוליש און נאך עטלעכע קולטור טוער, האבן זיי אויף אן אינטימען אופן, ביי א גלעזל טיי, ארומגערעדט דעם קולטור מצב פון דער יידי־שער פאריז. דארט, ווי ביי אונדז דא, איז דער נומער איינס פראב־לעם יוגנט. „די יוגנט — האבן זיי זיך באקלאגט — ווערט פון אונדז אוועקגעריסן, און מיר זעען ניט קיין ווידערשטאנד־כוח וואס זאל קענען אפהאלטן דעם שטארקן אסימילאציע שטראם. די הערשנדיקע לאנד־שפראך און קולטור האט אויף דער יוגנט אן אומגעהויערן שטארקן איינפלוס. מיר האבן דא ניט קיין יוגנט וואס זאל איבערנעמען און ממשיך זיין אונדזער יידיש וועלטלעכע קולטור און ליטעראטור". דאס איז געווען דער תמצית פון די רייד און די געדאנקען וואס באאומרואיקט דארטן די יידישע אינ־טעליגענץ.

כ׳האב זיי נאכדעם, אין מיין שלוס ווארט, געזאגט: אויב ס׳איז פאראן אזא זאך ווי א טרייסט, מעג מען דא זאגן אז, „צרות

רבים חצי נחמה״. אבער דא איז ניט שייך צו טרייסטן מיט אזא עפּיטעט. מיר אין די שטאַטן האָבן פאַר זיך דעם אייגענעם האַרבן פּראָבלעם. וואָס שייך המשך פון יידישער קולטור ביי אונדזער יוגנט, זיינען מיר גישט אין קיין בעסערן מצב. אויך מיר זיינען געבליבן קינדערלאָז, אָן יורשים. אויב ס׳איז פאַראַן ביי אונדז עטלעכע יוגנטלעכע, מיט יידיש באַוואוסטזיניקע אַספּיראַציעס, איז זייער צאָל אַזאַ מינימאַלע אַז מיר באַטראַכטן זיי פון די געציילטע ״וואונדער־קינדער״. וואָס סע מערקט זיך יאָ אָן אויפלעבונג צווישן די יידישע יוגנטלעכע אין אַמעריקע איז, בנוגע יידישקייט בכלל. זינט דעם אויפקום פון מדינת ישראל קומט פאָר, צווישן דער ענגליש־ריידנדיקער יידישער יוגנט, אַ מער נאָענטער איבערעס צו יידישקייט און ישראל. אבער מיט עכטער יידישער קולטור, ווי מיר פאַרשטייען, האָבן זיי זייער ווייניק וואָס צו טאָן.

דער דערמאָנטער פּריינט קוליש איז באמת אַ האַרציקער פריינטלעכער מענטש און קולטור־עסקן, ניט נאָר אין וואָרט נאָר אין מעשים. אַט דער אַלטער קוליש האַלט אויס, אויף אייגענער אחריות און הוצאות, אַ גאַנץ פיינע יידישע ביבליאָטעק. די ביבליאָטעק האָט ער געשאַפן אין הייליקן אָנדענק פון זיין אומגעקומענעם זון, דר. קוליש, דורך די מערדערלעכע הענט פון די נאַציס. אין דער דר. קוליש ביבליאָטעק געפינען זיך די וויכטיקסטע און די מערסטע יידישע ביכער סיי פון די גאָר אַלטע צייטן ביז די נייעסטע און מאָדערנסטע. ס׳איז באמת געווען אַ נחת־רוח צו זען דאָרטן אַזאַ גרויסע צאָל יידישע ביכער. כמעט אַ ביכער אַרכיוו אין מיניאַטור. פריינט קוליש איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון יידישן בוך און אַ זאַמלער פון אַלץ וואָס דערשיינט אין יידיש.

דערלויבט מיר אַ פּערזענלעכע באַמערקונג: צווישן די אומצייליקע יידישע ביכער, זאָרגפעלטיק קאַטאַלאָגירט, האָב איך אויך געפונען מיין אייגן בוך ״רוי־ערד״. האָט עס, נאַטירלעך, מיר הנאה געטאָן.

כ׳האָב פאַרלאָזן די דר. קוליש ביבליאָטעק מיט דעם פרייִדיקן געפיל אַז אין אַט דעם פראַנצויזישן מדבר פון יידישער אַסימילאַציע, איז קולישעס יידישע ביבליאָטעק אַ קליינער אַאַזיס, וואו אַ דורשטיקער וואַנדערער קען זיך צו זאַט אָנטרינקען מיט די זאַפטן פון דער יידישער ליטעראַטור און יידישע קולטור ווערטן.

אַ דאַנק דעם מאַנדאַט, וואָס כ׳האָב באַקומען פון מאַרק יו־ווילער, עקזעקוטיוו סעקרעטאַר פון ״יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט״, צו טרעפן זיך מיט די ״ייוואָ״ קאָרעספּאָנדענטן אין

פאריז, רוים, לאנדאן און ישראל, האב איך געהאט די געלעגנ־הייט זיך נאָענטער באקענען, מיט דעם אייראפּייאיש־יידישן קול־טור מצב. קיין באזונדער דערמוטיקטן גרוס פון יידישער קול־טור טעטיקייט אין די דערמאנטע שטעט און לענדער, האבן זיי מיר ניט געקענט איבערגעבן. יעדער איינער פון זיי איז א יחיד במינו אין אט דעם גרויסן מדבר פון יידישער פארוואָרלאָזיקייט; און קען אליין ווייניק וואס אויפטאן. „איין שוואלב ברייננט נישט דעם פרילינג". און אפילו אין ישראל, וואו ס'איז שוין אפילו יא פאראן א „ייווא" קאמיטעט, מיט א פארזיצער און סעקרעטאר, פילן זיי דארטן, ווי זיי ווערן פארלארן און צעקלאפּט צווישן די גרויסע כוואליעס פון דעם העברייאישן ים. און, ניט כסדר האט מען דעם כוח צו גיין קעגן שטראם.

רעדנדיק וועגן דעם יידישן פאריז: דער עקאנאמישער מצב פון יידישן ארבעטער און קליין קרעמער, איז ניט בעסער פון דעם ניט יידישן פאריזער.

די יוניאנס זיינען ניט באזונדער שטארק ארגאניזירט. מע ארבעט דא לענגערע שטונדן ווי ביי אונדז אין אמעריקע. די יידי־שע שטיבער זיינען אן ערך ניט בעסער פון די ניט יידישע. אויב אינוווייניק איז אביסל מערער צוגערוימט זיינען די אריינגאנגען און אין דרויסן, פונקט אזוי אפּגעלאָזן און פינצטערלעך. אָבער דאס וואלט נאך אפשר געווען דערטרעגלעך; ערגער איז זייערע גייסטיק פּסיכאלאגישע יסורים און איבערלעבונגען: די יידן לעבן דאָרטן אונטערן צייכן פון דער ניט לאנגער גרויליקער פארגאנ־גענהייט — מלחמה. זיי שרעקט דאס הארץ, און זיי ציטערן מיט אלע פיבערן פון זייער צעווייטיקטער נשמה, ווען ס'הויבט אן צו בלאזן די מינדעסטע מלחמה ווינטעלעך. זיי געדענקען נאך זייער גוט די שוידערלעכע קאשמארנע טעג פון היטלערס אקופּאציע.

מע קען, לכן, ניט צופיל בויען אויף יידישער איינגעוואָרצלטקייט דארטן. א סך זיינען דארטן ווי אויף א דערווייליקע סטאציע און ווארטן אויף א געלעגנהייט ערגעץ וואו א זיכערן מיקלט. הגם עס האלט זיך אין פארמירן דארטן א יידישע קהילה. ס'דערשיי־נען פונדעסטוועגן אין פאריז א פּאר יידישע צייטונגען. יעדע פּאָ־ליטישע ריכטונג גיט ארויס איר אייגענע שריפט, און איין פּארטיי צייטונג וועט ניט דערמאנען קיין מודעה פון דער צווייטער פּאר־טיי. מע רייסט פּאסעס איינער פון צווייטן און מע דרעשט אויס כסדר, צום אומצייליקן מאל, זייערע פּאליטישע אני־מאמינס.

די וולאדעק קינדער היים

מע גיט זיך דא אויך אפּ מיט ידישע צדקה־טעטיקייטן, קינ־
דער און יתומים אנשטאלטן. מיר האבן באזוכט די וולאדעק קינ־
דער היים, נעבן פאריז, וואס ווערט סובסידירט פון דעם אמערי־
קאנער יידישן ארבעטער קאמיטעט. געפירט האט אונדז אהינ־
צוצו דער שרייבער און קארעספּאנדענט פון „פארווערטס" שמו־
לעוויטש. דער גאנצער פלאץ איז באמת א פּרעכטיק שיינער. תיכף
נאך דער לעצטער מלחמה איז דער פלאץ אפּגעקויפט געווארן,
פון א מארקיז, פאר א גאר מעסיקן פּרייז און ס'איז רעמאדע־
לירט געווארן פאר דעם געברויך פון א קינדער היים. די היים,
צו יענער צייט, איז באמת געווען א גאט־שיקונג, פאר דער רע־
האבּיליטירונג פון אט די אומצייליקע היטלער קרבנות. פאר די
לעצטע עטלעכע יאר איז די לאגע א סך געענדערט געווארן. א
גרויסע צאל פון די קינדער זיינען אויפגעוואקסן, און זיינען אריין
אין אקטיוון לעבן, א צאל זיינען אוועק מיטן שטראם נאך ישראל;
די לאגערן האבן זיך צוביסלעך אנגעהויבן אויסליידיקן; אויך די
קינדער־יתומים, דאנק פאר דעם, זיינען איצט ווייניקער פאראן
אין דער היים, ווי אין די פריערדיקע יארן. די מערסטע קינדער,
וואס זיינען איצט אין דער וולאדעק היים, קומען מערסטנס פון
ארעמע יידישע הייזער אין פאריז, אדער סתם קינדער־יתומים.

די וולאדעק היים אין פאריז איז פּרעכטיק אויסגעשטאטעט,
זויבערע שלאף צימערן פאר די קינדער, א מאדערנע קיך, א
פיינער עס צימער און, די לאנדשאפט א שיינע, און די ווירט־
שאפט ווערט געהאלטן אין גוטן ארדנונג. דר. ברוש און די
פרוי זיינע, די פארוואלטער, ביידע אינטעליגענטע דערפארענע
דערציער, האבן אונטער זיך א סטעף מיט לערער, גערטנער און
נויטיקע אנגעשטעלטע. מיט די קינדער ווערט געלערנט די לאנד
שפּראך, פראנצויזיש און אויך יידיש. אמת מיט דעם זעלביקן
גרויסן סטעף פון אן ערך 20 אנגעשטעלטע וואלטן געקענט אויפ־
געהאלטן ווערן א סך מערער ווי 60 קינדער וואס האלטן זיך דארטן
אויף; אבער באדויערן דארף מען עס ניט. לאמיר האפן אויף א
צושטאנד, ווען מע וועט בכלל ניט דארפן האבן קיין היימען, פאר
ארעמע פארוואָרלאזטע קינדער. דער אידעאלאגישער גייסט און
אטמאספערע פון דער וולאדעק היים, איז נאטירלעך, דער גייסט
פון זיינע גרינדער: — א בונדיסטיש סאציאליסטישער. די ווענט
זיינען באצירט מיט בילדער פון די מערסטע יידישע סאציאליס־

טישע קעמפּער: אַלטער און ערלעך, װאָלאַדעק, פראַנץ קורסקי, דעבס, לעאָן בלום א. א. ס׳איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן אַז לעאָן בלום, אַ קורצע צײַט פאַר זײַן טויט, האָט באַזוכט די װאָלאַ־דעק־הײם, און האָט אַדרעסירט די קינדערלעך. „איר קינדער װעט מיך נאָך אפשר געדענקען אָבער איך איך שוין ניט לאַנג״.

די גאַנצע סביבה און אַטמאָספערע דאָרטן מאַכט דעם איינ־דרוק פון אַ סאָציאַליסטישע הײם־קאָלאָניע. צי די קינדערלעך פון דער װאָלאַדעק הײם, װעלן אויך שפּעטער אָנהאַלטן די סאָציאַ־ליסטישע אידעען װאָס װערט אין זיי אײַנגעפּלאַנצט, איז שװער צו זאָגן. װי אומעטום די דרויסנדיקע קולטור באַהערשט און באַ־אײַנפלוסט זיי אין גאַנצן, װי נאָר זיי קומען אין באַרירונג מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן.

די װאָלאַדעק קינדער הײם אין פּאַריז, איז אַ קלײן ייִדיש אינדזעלע, אַרום װעלכע ס׳גרופּירן זיך די בונדיסטיש סאָציאַליס־טישע עלעמענטן. אין דעם גרויסן כאַאָס פון פּאָליטישע און טע־אָרעטישע סכסוכים צװישן די באַװעגונגען אויף דער ייִדישער גאַס, האָבן זיי לכל הפּחות, אָנצואַװײַזן אויף אַט דער אינסטיטו־ציע אַלס זײערע אַ דערגרייכונג, הגם מיט דער פינאַנציעלער הילף און סובסידיעס פון דעם „ייִדישן אַרבעטער קאָמיטעט״ אין אַמעריקע.

אין אַלע לענדער פון אײראָפּע איז פאַראַן אַ ניט אַרויפגע־צװאונגענע, אַ פרײַװיליקע ייִדישע געטאָ. ייִדן האַלטן זיך צוזאַ־מען, לעבן אין אײן באַצירק. און די פּאַריזער געטאָ האָט אונטער זיך אַ געשיכטע שוין פון יאָרהונדערטער. נאָך פון יענע צײַטן װען די ייִדן האָבן דורכגעטראָגן, ניט װײניק, פאַרפאָלגונגען און רדי־פות. דאָס באַרימטע „פּלעצל״ איז עד היום באַװוּסט װי די ייִדישע געטאָ אין פּאַריז. די מערסטע הײַזער און גאַסן זײַנען ענגע, אַלטע און אָפּגעלאָזענע און אַ רוישיקער ייִדישער האַנדל גײט דאָרטן אָן אויף די „פּושקאַרטן״ װי אויף אונדזערע אַמאַליקע, העסטער און דילענסי גאַסן, אין ניו יאָרק.

ס׳פאַרשטײט זיך אַז, ס׳איז פאַראַן אַ סך מערער צו דער־צײלן פון דעם היסטאָרישן אַלטן און נײַעם פּאַריז. כדי דאָס צו באַװײַזן, דאַרף מען פאַר דעם האָבן אַ סך מערער צײַט, װי אַ טוריסט װאָס, „קומט בלויז פאַר אַ װײַל, מעג ער אפילו זען פאַר אַ מײַל״, װעט ער אַלץ אַ סך זאַכן פאַרפעלן צו אָבסערװירן און לערנען. מיר האָבן פאַרלאָזן פּאַריז, מיט דעם געפיל, פון אַ

ניט אנגעזעטיקטן, פון א האלב הונגעריקן, וואס האט פארלאזן א רחבות׳דיקן טיש פון כל־טוב. אבער אזוי ווי דער עיקר ציל פון דער רייזע איז דאך געווען ישראל, איז אונדזער שיידן זיך, מיט דער שיינער לעבהאפטיקער פאריז, נישט געווען אזוי שווער אויף אונדזער געמיט.

מיט א גאר דערהייבנדיקע שטימונג, מיט א סך האפנונגס־פולע פריידיקע מאמענטן, וואס דערווארטעט אונדז אין ישראל, האבן מיר זיך ארייגעזעצט אין דעם יידישן אוויאן „על־אל״, וואס האט זיך מאיעסטעטיש געטראגן איבער די וואלקנס און אונדז, ענדלעך, אראפגעבראכט אויף אונדזער מיט בענקשאפט אויסגע־חלומט לאנד — ישראל . . .

מדינת ישראל

מדינת ישראל — ווי איך האב זי געזען

אין מיין רעפּאָרטאַזש פון ישראל, וועל איך פּרובירן, אין דעם קאַפּיטל אַרויסברענגען קודם כל, אַן אַלגעמיין בילד פון לאַנד. און אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען וועל איך זיך אָפּשטעלן גענויער אויף די איינצלנע שטעט און דערפער, אויף די קיבוצים און מושבים וועלכן זיינען דער הויפּט יסוד פון ישראלדיקער ווירקלעכקייט.

כ׳וועל דאָ איבערגעבן איינדרוקן פון ישראל, ווי איך האָב זי געזען. און געזען אין ישראל האָב איך, אַ סך ליכט און ניט ווייניק שאָטן. און ווי יעדע לאַנד אין דער וועלט האָט ליכטיקע און שאָטנדיקע זייטן אַזוי, נאַטירלעך, קען עס אויך אַנדערש ניט זיין אין ישראל. עס זיינען אָבער פאַראַן אין ישראל אַזוי־פיל ליכ־טיקע מאָמענטן, אַז דאָס שאָטנדיקע מוז מען נעמען אין באַטראַכט, און צייטנווייז אפילו פאַרזען און פאַרגעבן. מחמת עס זיינען פאַ־ראַן דאָרטן זאַכן און דערשיינונגען, וואָס קיין נאָרמאַל לאַנד האָט עס ניט. קודם כל, דער אומגעהויער גרויסער שטראָם פון עולים, וואָס זיינען מיטאַמאָל אַריין אין לאַנד — ביז איצט אַגב 750 טויזנט — און דאָס לאַנד איז ווייט ניט געווען גרייט זיי אויפצונעמען. אַ פּראָבלעם וואָס פאַר אַן אַנדער לאַנד, מיט אַזוינע מאַגערע אינ־דוסטריעלע פּאָטענצן, וואָלט עס אפשר גאָר געווען קאַטאַסטראָ־פאַל. טאַקע נאָר די עקשנות און „אין ברירה״ איז זיי בייגעשטאַנען. לכן, דאַרפן אַלע מאָמענטן און עלעמענטן גענומען ווערן אין באַ־טראַכט, ווען מע וויל איבערגעבן אַן אָביעקטיוו בילד פון דער איצטיקער ישראל.

נאָמיר נעמען למשל דאָס פּראָבלעם, קיבוץ גליות, די רע־האַביליטאַציע פון דער גרויסער מאַסע צוגקומענע, צו אַן עקאָ־נאָמיע פון לאַנד וואָס איז נישט געווען סטאַביל, דיסאָרגאַניזירט, אָן רעזערוון פון קאַפּיטאַל, אַן רעסורסן און, דער עיקר נאָך אַ בלוטיקער מלחמה מיט די אַראַבער. אויך דער עלעמענט וואָס איז אַריינגעקומען אין ישראל איז ניט געווען אין זיין רוב, פון די גאָר בעסטע. באַזונדערס די איראַקער און מאַראָקאַנער, וועלכע זיינען שווער געווען איינצובירגערן און אַריינברענגען זיי אין דער אינדוסטריע אָדער אַגריקולטור. סע האָט גענומען צייט און אַ סך מי ביז מע האָט זיי צוביסלעך דיסציפּלינירט און צוגעוואוינט, צום נייעם, פאַר זיי, סדר פון לעבן. דערמאָנענדיק דאָ די יידן פון די אַראַבישע לענדער, זאָל צום שבח פון די תימנער יידן גע־

זאגט ווערן, אז וועגן זיי האט מען דארטן די העכסטע גוטע מיי־נונגען: זיי זיינען גוטע ארבעטער, טויגן זיך אויס צו אלץ. ארבעטן אויף די שאסייען, אין די פאבריקן, אויפן לאנד און ביים פלאנצן בוימער אויף די וועגן. אויך זייער יוגנט פאסט זיך גיך צו צו אלץ, און מע לייגט אויף זיי גאר א סך האפנונג.

ווי זעט אויס ישראל צו א יידישן טוריסט? צו איינעם וואס איז עולה־רגל? יעדער פון אונדז האט א סך געהערט וועגן ישראל. אויב אבער ער האט אליין ניט באזוכט דאס לאנד, האט ער נא־טירלעך אלץ געדארפט זיך משער זיין וועגן דעם. קיין גאר גרויסע השגה וועגן איר גרויס, פאטענציעלן וואוקס און אנטוויק־לונג, האט איינער ניט געקענט האבן, ווי שיין און בילדלעך מע זאל עס פאר אים ניט געוועזן מאלן. שוין צוליב דעם אליין וואס אלע האבן געוואוסט, אז ישראל, הגם אן אלט לאנד איז עס גוואל־דיק פארלאזן און פארווארלאזט. די אראבער וועלכע האבן גע־וואוינט דארטן מערער ווי א טויזנט יאר, האבן זייער ווינציק אויפגעטאן. דאס קען איינער זען, פון זייערע, מ'שטיינס געזאגט, איבערגעבליבענע ליימענע שטיבלעך און ווירטשאפטן. דער גאנ־צער אויפטו אין ישראל, מיט וועלכן עס איז פארנעם, קען מען, לכן, רעכענען א 40 אדער העכסטנס 50 יאר, פון דער ערשטער, צווייטער און דריטער עליה. איז וואס באמת איז, א האלבער יאר־הונדערט אין דעם אויפבוי פון א לאנד? ווערט טאקע דער־ציילט, אז מיט 25 אדער 30 יאר צוריק בלויז, איז תל־אביב גע־ווען אין גרויסער זאמדיקער באדן, און רמת־גן, מיט א פאר יאר צוריק איז געוועזן א קליין דערפל. און היינט! דער יידישער טו־ריסט ווערט גוואלדיק איבערראשט ווען ער פארט אריין אין צענ־טער פון תל־אביב אדער רמת־גן און דערזעט פאר זיך אזעלכעברייטע צעמענטירטע גאסן און בולווארן, מיט גרויסע 5 און 6 שטאקיקע בנינים, מיט א גרויסע צאל שיינע האטעלן און אפארט־מענט הייזער. די גאנצע לענג פוןביידע זייטן אלענבי בולווארד איז געדיכט באזעצט מיט כל־ערליי געשעפטן, און צענדליקע טויזנטער מענטשן גייען אויף און אפ, ווי אויף 42טע און בראדוויי, ניו יארק. די געשעפטן אנגעפילט מיט כלערליי סחורות: שיך, קליידער, מעבל און אנטיקן, רעסטאראנען און קאפעען. און ווי אויפן אייראפייאישן אופן, זיצט דער עולם אין די טעראסן קא־פעען: מע שמועסט פאליטיק אדער געשעפט. אגב איז פאראן דארטן א מיינונג, אז אט די קאפע־זיצעריי, מאכט דעם עולם אביסל פויל, אבער אזוי איז דער מנהג אין גאנץ אייראפע און אויך אין ישראל.

כאראקטעריסטיש איז, וואס איר מערקט דארטן א גאר היפּשע צאָל ביכער געשעפטן, קונסט ארטיקלען און פּריוואטע מאָל גאלע־רייען, אפנים אז די ישראלים לייענען און קויפן ביכער. פאַרט זין פון דעם עם הספר. ווארום ווי וואלטן די מוכר־ספרים'ניקעס גע־קענט אנהאלטן זייערע געשעפטן? קיינער אין דער וועלט האלט קיין געשעפט, ווען סע באצאלט ניט, אפילו ניט אין תל־אביב אדער ירושלים.

תיכף נאך דער מלחמה מיט די אראבער האט זיך אנגעהויבן א פיבערהאפטיקע טעטיקייט איבערן גאנצן לאנד: האטעלן, גרויסע 6 שטאקיקע אפארטמענטס, פאבריקן און אינסטיטוציעס; און הונ־דערטער נייע פונקטן אין אלע טיילן פון לאנד. זאל דא געזאגט ווערן אז דער מאנגל אין דירות איז נאך זייער און זייער גרויס: ארעמע קליינע פארדינער, וואס ווילן און דארפן וואוינען נעבן די גרויסע שטעט, ווי תל־אביב, ירושלים אדער חיפה, לעבן א סך פון זיי, פאמיליעס גאנצע מיט קינדער, אין איין צימער.

תל־אביב איז איצט די גרעסטע שטאט אין ישראל, לויטן שטח און באפעלקערונג. תל־אביב האט ארום 350 טויזנט נפשות, אחוץ יפה וואס איז איצט א טייל פון תל־אביב, מיט 90 טויזנט יידן. יפה איז פריער געווען, אין איר גרויסער מערהייט, אן אראַ־בישע שטאט. נאכדעם ווי די אראבער זיינען זיך צעלאפן איז יפה באזעצט געווארן מערסטנס פון יידן, עולים.

באטרעט איר דעם באדן פון ישראל, דערפילט איר תיכף אז איר געפינט זיך דורכאויס אין א יידיש לאנד. עפּעס א מין זיכערקייט געפיל באהערשט אייך אין גאנצן. איר פילט זיך פריי אין האנדלונג, און איר זעט פאר זיך יידיש שטייגער לעבן, אָן שטערונגען פון דרויסן, ווי אין חוץ לארץ. איר פארלירט אט דעם דאזיקן ייד־קאמפלעקס וואס שלעפט זיך אייך נאך. הגם די מערהייט אין ישראל איז ניט רעליגיעז, ווערן אבער פּרייטיק פארנאכט אלע געשעפטן צוגעמאכט און דער שטאטישער „באס" פארקער ווערט אפגעשטעלט ביז שבת צונאכט. דאס מיינט ניט אז סע פארן ניט קיין פריוואטע אויטאמאבילן אדער „טעקסיס" אום שבת! אבער שבת ווי א רו־טאג פילט זיך אומעטום.

ווי לעבט זיך איצט די יידן אין ישראל עקאנאמיש? דער עקאנאמישער מצב איז איצט א סך בעסער ווי ס'איז געווען מיט א יאר אדער צוויי צוריק. דאס מיינט ניט אז מע איז צופרידן; אז מע קריטיקירט ניט די מלוכה קעגן אירע רעגולאציעס און פאראָרדענונגען. הערט מען טאקע זייער אפט אזעלכע סתירה־

דיקע באריכטן, איבערטריבענע האלבע אמתן, געטריבן צו אזא עקסטרעם, אז אנדערע הויבן אן צו ספקן אין דער פאטענץ פון אייגענער מלוכה־שאפט.

דער אמת איז אז עס זיינען פאראן מענטשן וואס קומען זען אין ישראל דאס וואס זיי ווילן זען, מיט פון פריער געפאסטע מיינונגען. ווער עס זעט ישראל מיט פארויכערטע ברילן און מיט א פארטייאישער כונה און אויך אזעלכע וואס זעען ישראל מיט ראזעווע ברילן, און אויך מיט א כונה. אויך זיינען פאראן אזעלכע טוריסטן, באזונדערס פון אמעריקע, וואס קענען כלל זיך ניט אריענטירן אין דעם קאמפלעקס פון א פיאנערן לאנד. זיצנדיק דא אין אמעריקע, איבערן פעטן טאפ פלייש, ביז איבערפרעסן זיך, האט אזעלכער אויך טענות, צום לאנד, צו דער מלוכה, און וויל רק געבן עצות: „לאזט מיך! איך וויים בעסער!" טאמער איז אים די קאווע ביטער, דאס פלייש ניט אזוי געשמאק, און דער מאטראץ אויפן בעט איז אויך ניט אזוי איי, איי, איי; און אז דער אל־על, דער יידישער עראפלאן האט זיך גאר פארשפעטיקט אויף עטלעכע שעה; נו, טויג שוין ניט די מלוכה, דאס לאנד און דער גאנצער פאראנדיק טויג ניט . . .

זייענדיק אין פאריז נאך, איידער מיר זיינען געפלויגן נאך ישראל, האב איך זיך געטראפן אין א געזעלשאפט מיט אן אנ־געזעענעם בונדיסט. צוערשט האט ער דווקא זייער געלויבט ישראל; ער אליין איז געווען דארט מיט א יאר צוריק, אויף א באזוך: „איר וועט הנאה האבן — זאגט ער — פון ישראל, ס'איז פאראן וואס צו זען און באוואונדערן; נאר וואס דען, עס שאפט זיך דארטן א ביוראקראטיע". שטעלט איך פאר — דערציילט ער אונדז — כ'קום אראפ פון עראפלאן אין „קאסטאם הויז", האט איר געדארפט זען וואס ס'האט זיך דארטן אפגעטאן! מע האט איבער־געקערט מיינע וואליזעס, אלץ אויסגעטרייסלט, און מיך אליין האט מען אויך אויסגעטאן אדם־נאקעט, צי כ'האב ניט קיין וואליוטע". פארשטייט זיך אז זיינע רייד האבן געמאכט אויף אונדזער קליי־נער גרופע טוריסטן א גאר שווערן איינדרוק. מיר האבן עס ניט געקאנט פארשטיין! אט זיינען מיר נאר וואס דורכגעגאנגען די פראנצויזישע גרענעץ בעאמטע, און אלץ איז געווען אויפן פריינד־לעכטן און דעמאקראטישסטן אופן; אן שוועריקייטן, אן טרייסלע־נישן; ווארום זאל עס אנדערש זיין אין ישראל, אין אונדזער מדינה? האבן מיר געטראכט. איינס פון די צוויי זאכן האט געמוזט זיין: אדער ער האט ניט דערציילט דעם אמת, מיט א כונה, אדער מע

איז צו אים געווען שטרענג, צוליב א חשד, ווי מע איז אומעטום, אין אלע לענדער שטרענג, אויב מע איז איינעם אין עפּעס חושד. אומרואיק און מיט ספקות זיינען מיר פונדעסטוועגן יא געווארן. הגם מיר האָבן ניט געהאט קיין סיבה צו זיין באזארגט וועגן עפּעס. ווען מיר זיינען ארונטער פון דעם אַוויאָן אין לוד, און דורכגע־גאנגען די געוויינלעכע פארמאליטעטן, האָבן מיר ערשט איינגע־זען אז דער מענטש האט געמאלן פאר אונדז די זאך זייער און זייער שווארץ. אז ס׳איז אן אומבארעכטיקטע פארשפּרייטע לעגענדע.

געוויס ווערט די רעגירונג קריטיקירט פאר א סך זאכן, אמאל מיט רעכט און מערער מאל אומגערעכט. אין די אפיציעלע קרייזן קומט מערסטנס די קריטיק פון דער אפּאזיציע, פון די וואס שטיין אין דרויסן. און ס׳איז א דבר הידוע, אז די דרויסנ־דיקע קריטיקירן די אינוויינקסטע. אזוי ווי ביי אונדז די רע־פּובליקאנער מיט די דעמאקראטן. ס׳קריטיקירן די רעגירונג אויך אזעלכע, צוליב פּערזענלעכע אינטערעסן: די רעגירונג, טענה׳ן זיי, האט צופיל קאנטראל איבער פּריוואטע אונטערנעמונגען; און דאס שטערט דאס לאנד עקאנאמיש זיך צו אנטוויקלען און ווערן סטאביל. די מלוכה, זאגן זיי, וויל איינפירן סאציאליזם נאך איי־דער ס׳איז פאראן וואס צו סאציאליזירן אדער נאציאנאליזירן. הכלל, מע שטעלט אוועק שווערע באדינגונגען פּריוואט קאפּיטאל, אזוי איז די מיינונג פון א היפּשע צאל אין לאנד. לכן, איילט זיך ניט יידיש־אמעריקאנער קאפּיטאל צו אינוועסטירן אין ישראל. ס׳איז אמת, אז אין געוויסע פאלן איז טאקע געווען אומפּארויס־געזעענע ניט פּראקטישע האנדלונגען מצד דער רעגירונג און הסתדרות; אבער וועלכע רעגירונג מאכט עס ניט קיין טעותן? דער אמת איז, אז יידישע פּריוואטע אונטערנעמער, מחוץ לארץ, האבן מערער מורא פאר א צווייטער רונדע פון די אראבער אויפן ישוב, ווי פאר עפּעס אנדערש: אזוי לאנג ס׳איז ניט פאראן קיין סטאבילער שלום מיט די אראבער איילט זיך ניט קיין דרויסנדיקער קאפּיטאל צו מאכן אינוועסטירונגען. הגם עס זיינען פאראן א היפּשע צאל ניט יידישע פירמעס, ווי די „פילקא ראדיא און רע־פרידזשערייטאר קאמפּ.״, „קייזער פרייזער אויטא קאמפּ.״, „וואול־קאן פאונדרי קאמפּ.״, א גאר גרויסע פאבריק אויפן וועג צו באר־שבע, וואס פאבריצירט צעמענטענע רערן. דאס אייגענע אין חיפה און אין אנדערע שטעט אין ישראל. יא, וואלט נאר שלום גע־ווארן מיט דער אראבישער וועלט, וואלט די שפע אין ישראל זיך היפּשלעך א הויב געטאן, און אפשר גארנישט געדארפט אנצו־

קומען נאך פינאנציעלע הילף פון חוץ לארץ. דאס פילן אלע אין ישראל: שלום מיט די אראבער, וואלט געשאפן ליכטיקע האפ־נונגספולע פערספעקטיוון און באלדיקע ממשותדיקע געווינסן.

א סך קריטיקירן די רעגירונג פארטיי „מפאי" און הסתדרות, פאר זייער פארטייאישקייט און „פאווארטיזם". מע לאזט נאר צו אייגענע מענטשן צו דער פירערשאפט און „ביוראס" — אויך דאס איז ניט קיין נייעס אין דער פאליטיק. כ'האב באגעגנט א יונגערמאן אין רוים, וואס איז געווען זעקס יאר אין ישראל. געקומען, דערציילט ער, אין ישראל איז ער מיט אן אומלעגאַ־לער שיף, נאך אין דער צייט פון דעם מאנדאט. ער איז געווען אין א קיבוץ, אין דער הגנה און אין דער ארמיי. א פייאיקער בחור זעט אויס ביז גאר, און א קאָפּ מענטש. ער האט געזוכט צו מאכן פאר זיך א קאריערע דארטן, האט ער ניט געזען קיין מעג־לעכקייט. ער דיינקט, ער איז פייאיקער און געלערנטער פון די וואס זיצן אין ביוראס פון דער רעגירונג; אבער ער איז געבליבן א דרויסנדיקער, מחמת ער איז ניט אין דער פארטיי. האט ער פארלאזן ישראל און איז געקומען נאך רוים. דא לערנט ער זיך זשורנאליזם, ראדיא און טעלעוויזיע, מאכט דא קוים אויף חיונה און ער קריטיקירט זייער שטארק די ישראל מלוכה פאר דעם ביוראקראטיזם און „פאַווארטיזם". וואלט ער געווען זייערער א מענטש, זאגט ער, וואלט ער שוין גאר געווען אן אינוויינוקסטער, אזוי איז ער געבליבן א דרויסנדיקער.

זיצט א ייד אין א קאפע אין תל־אביב, צערעד איך זיך מיט אים, וועגן דעם עקאָנאמישן און פאליטישן מצב אין לאנד. איז דער ייד פייער און פלאם אויף דער רעגירונג: סטייטש די רע־גירונג לאזט אים ניט זיך צעפירן די הענט. אליין איז ער אן עקס־פארטער און אימפארטער. האט א ברודער אין אייראפע מיט געלט, וויל ער אריינברייגגען סחורה פון אויסלאנד, ארויספירן פון דאנען; נו, מאכט די מלוכה שוועריקייטן: גרויסע טאריפן וכו'. לוינט זיך אים ניט, פארלירט ער און ס'פארלירט דאס לאנד. פונ־דעסטוועגן, גיט ער צו, איז דא נאך אלץ בעסער ווי אין סטאלין־לאנד: „דא קען איך כאטש שילטן בן־גוריונען וויפיל איך וויל, און קיינער וועט מיר קיין שלעכטס דערפאר ניט טאן. דא האבן מיר א דעמאקראטיע!" האט ער מיט שטאלץ אויסגערופן.

טראָץ די אלע קריטיקן און אויסזעצונגען, בויט זיך דאס לאנד מיט א גרויסער טעמפּא. איר פארט איבער אלע טיילן פון לאנד, פון תל־אביב ביז ירושלים, אויף די וועגן צו באר־שבע און אין

דעם נארדלעכן טייל פון לאנד ביזן גליל העליון, זעט איר צענד־ליקער הונדערטער נייע פונקטן, נייע סעטלמענטס: ווייסע שטיב־לעך מיט רויטע קייכלענע דעכער; אויך זייט ביי זייט די מעברות־געצעלטן. גרויסע גרינע שטרעקעס לאנד; פרדסים פון ציטרוסן און אליוון. א צאל נייע אויפגעקומענע שטעט און דערפער, קיבו־צים און מושבים מיט א גרויסער באלעבאטישער ווירטשאפט.

אייניקע פון די קיבוצים, גרעסערע און קלענערע, האבן די פירער זיך באלקאגט אפילו, אז זיי האבן פלאץ און באשעפטיקונג פאר נאך אזוי פיל, ווען די גרויס שטאטישע ליידיקגייער וואלטן נאר וועלן ארויסקומען אהערצו, ארבעטן אויפן פעלד אדער אין דער קליין־אינדוסטריי, וואס זיי האבן, אבער דער אפרוף פון זיי איז, ליידער, א זייער שוואכער. הגם עס איז איצט פאראן א טייל־ווייזע ארבעטסלאזיקייט, אין תל־אביב אדער חיפה, ווילן אבער די מערסטע פון די עולים, נישט גיין אויפן לאנד אדער אין די קיבוצים. מע האט אפילו געפרעגט דעם אגריקולטור מיניסטער, צי איז ניטא קיין מאכט וואס זאל באוועגן די עולים צו גיין אויפן לאנד? האט ער זייער ריכטיג געענטפערט: מיר זיינען א דעמא־קראטיע, מיר צווינגען נישט קיינעם. דער לעבן אבער, די מאַ־טעריעלע נויט, וועט זיי שוין צווינגען צו דעם. און, ווי אמת דאס איז: לעצטנס גייט מען שוין אביסל מערער אויפן לאנד. ווידער דאס אלטע אויסגעפּרובירטע מיטל: אין ברירה! . . .

פארט איר דורך די לענג און ברייט פון ישראל, זעט איר פאר זיך ברייטע גרינע טאלן מיט גוט פרוכטבאר לאנד, וואס האט אלע פאטענצן צו באשפייזן א גרויסע באפעלקערונג, ווען ס׳וואלט נאר געשאפן געווארן א דויערנדיקער סטאבילער שלום. איר זעט אויך ניט ווייניק צעשטערטע אראבישע הייזער און דערפער וואס די אראבער האבן פארלאזן אין צייט פון קריג און נאך דעם נצחון פון ישראל. זאל דא אויך דערמאנט ווערן אז מיט זייער אנטלויפן פון לאנד, איז אומדירעקט, פאר ישראל, געלייזט גע־ווארן א גאנץ הארבער און שווערער פראבלעם: סיי די יידן אין ישראל, אונטערן מאנדאט, און סיי אין חוץ לארץ, זיינען כסדר געווען אין ספק צי מיר וועלן קענען ווערן א מערהייט אין לאנד, צווישן א פיל גרעסערער און כסדר שטארק מערנדיקער צאל אראַ־בער? איר געדענקט נאך מסתמא, ווען מיט א צענדליק יאר צו־ריק, האט א געוויסער רבי אין ארץ ישראל אפילו פארגעשלאגן, מע זאל ארונטערנעמען דעם חרם פון רבינו גרשום, און דער־לויבן מער ווי איין ווייב, כדי, נאטירלעך, צו דערווערבן א יידישע

מערהייט. ס׳איז דאן געווען זייער כאראקטעריסטיש. און ווי האבן מיר בכלל זיך געקענט פארשטעלן א יידישע מלוכה, מיט אן אי־נערלעכער קעגנערישער צו אונדז מערהייט? וואלטן די אראַבער, אין צייט פון קריג, ניט אנטלאפן נאר געבליבן אויף זייערע ערטער, וואלטן מיר ערשט דאן געהאט אויף זיך א גאר שווער פאליטיש פראבלעם, אין ישראל. ס׳וואלט ישראל אוועקגעשטעלט אין דער בחינה פון א הערשנדיקער קאלאניאל מאכט. און ווער ווייס ווי ס׳וואלט זיך בכלל אויסגעפורמט אונדזער איצטיקע ישראל? האט אבער די געשיכטע אנדערש געוואלט, און צו גונסטן און לטובת דעם ישוב.

די אראבער אין זייער גרויסער מערהייט זיינען אנטלאָפן פון לאנד, אלץ איבערגעלאזט צום גורל, אזוי צו זאגן. און, איינמאל ארויס, אנטלאפן, איז די גרענעץ, נאטירלעך, פארשפארט פאר זיי, און קענען מער צוריק ניט קומען. זיכער איז: וואס פאר א שלום עס זאל ניט איינגעשטעלט ווערן מיט דער אראבישער וועלט; קיין אראבישע מערהייט אין ישראל וועט שוין מער קיינמאל ניט זיין. אזוי איז א שארפע, שווערע אראביש פאליטישע פראבלעם, מיט אמאל, פון זיך אליין, ווי באזייטיקט געווארן.

אפשר איז דאס אויך איינע פון די פילע ניסים וואס די געשיכטע האט אונדז אונטערגעטראגן אין ישראל? אפשר! . . .

יידיש אין ישראל

די מערסטע יידישע קולטוריסטן אינטערעסירט זייער שטארק דער ענין, יידיש אין ישראל. ס׳איז געווען א צייט, גאר נישט לאנג צוריק, וואס אין ניו יארק האבן אפילו געוויסע באוועגונגס מענטשן, בונדיסטן, פאררופן פראטעסט פארזאמלונגען, קעגן דער אזויגערופענער אונטערדריקונג פון יידיש אין ישראל. די מערסטע פון אונדז יידיש ריידנדיקע, קולטור ליבהאבנדיקע, זיינען געווען שטארק אומצופרידן פון דעם דארטיקן מצב, בנוגע יידיש. האב איך זייענדיק דארט זיך שטארק באמיט און געזוכט דעם אמת. אבער צו מיין צופרידנקייט, האב איך ניט געפונען קיין סימן פון וועלכע עס איז פארפאלגונגען פון יידיש. דאס וואס איז געווען מיט עטלעכע יאר צוריק, דער איבערפאל פון „ניי־וועלט" וכדומה, איז דאס געווען אן ארבעט פון א צאל היץ־קעפ; און אזעלכע פעלן ניט אין ישראל אפילו היינט. איך האב אבער יא געפונען פאקטן

און מעשים וואס ריידן פאר זיך אליין: אין תל־אביב אליין דער־שיינען איצט ארום 6 יידישע צייטונגען און שריפטן. 2 צייטונגען 3 מאל א וואך, הויבן איצט אן ארויסצוקומען יעדן טאג, 2 וועכנט־לעכע, 2 חודשלעכע. חוץ דער פערטעל־יאריקער זשורנאל „גאל־דענע קייט" און א צאל ניט פעריאדישע פארטיי שריפטן. דאס אין תל־אביב אליין ביי א באפעלקערונג פון 350 טויזנט נפשות. אזוי פיל יידן ווי די יידישע לאס אנגעלעס האט, אבער דא האט מען ליידער ניט אפילו קיין איין יידיש בלעטל, פאר א רפואה. דאס אייגענע קען געזאגט ווערן, פאר א סך אנדערע גרעסערע יידישע ישובים אין אמעריקע, חוץ ניו יארק. מאכט מען דעם דאזיקן פאראלעל, ווערט יעדער פראטעסט פון אונדז דא, קעגן זיי דארטן, בנוגע יידיש, כמעט ווי זינלאז און אבסורד. „טשאריטי בעגינס עט האום", זאגט דער אמעריקאנער. מיר דארפן פריער ברייגנען אין סדר אונדזער אייגן הויז, איידער מיר פאדערן עס פון אנדערע.

דאס אייגענע מעג געזאגט ווערן וועגן יידיש טעאטער אין ישראל. פאר די עטלעכע וואכן פון מיין זיין אין ישראל, האבן גע־שפילט צוויי יידישע טעאטערן: זיגמונט טורקאוו, אונטער זיין רעזשי, האט אויפגעפירט א קאָמעדיע אין יידיש „די סאבּרעס". די פיעסע האט געשילדערט דעם אידעאלאגישן גוראנגל צווישן דעם סאברע און די עלטערן. הגם ס'איז שוין געווען די פערטע וואך, פון זייער שפילן די פיעסע, איז דאס טעאטער געווען איבער־געפילט, מיט עלטערע און יוגנטלעכע.

יוסף בולאוו האָט געשפילט אייניקע פארשטעלונגען, אין תל־אביב און אין ירושלים. דאס באשטענדיקע קאמעדי טעאטער אונטערן טשיקאוון נאמען „לי־לו־לה" (פאר מיר, פאר אים, פאר איר) הגם אויפגעפירט אין העברעאיש, איז עס אבער שטארק בא־זאלצן און באפעפערט מיט א סך יידישע ווערטלעך און חכמה־לעך; און אויך א צאל יידישע פאלקס לידער, געשמאק געזונגען פון א יידישער זינגערין. דאס גרויסע „מאגראבי" טעאטער איז געווען איבערגעפאקט מיט גאר א סך יוגנטלעכע. אויך א געזונטע דערשיינונג, וואס די יוגנט דארטן גייט אומעטום, צוזאמען מיט די עלטערע; מחמת טאקע דעם, וואס אין שפראך פאררייניקט זיי.

דער רוב מנין און רוב בנין, און די יוגנט אין גאַנצן אין גרויסן געגומען, ריידן נאטירלעך, העברעאיש. די קליינע צאל יוגנטלעכע, אין דער געזעלשאפט פון יידיש רעדנדיקע, אויב זיי וועלן אייך ענטפערן אין יידיש, מאטערן זיי זיך נעבעך מיטן ביסל יידיש, וואס זיי גיבן ארויס פון זיך, פונקט אזוי ווי אונדזערע יידיש־

אמעריקאנער יוגנטלעכע דא. העברעאיש איז דאס לשון פון לאנד, וואס ווערט גערעדט: אין גאס, אין די קראמען, אין קאפע, אין טעאטער און אפערע. אומעטום איין שפראך וואס פאראייניקט אלע יידן פון די צענדליקע לענדער. די נייע אריבערגעקומענע עולים, ווילן וואס גיכער אויסלערנען זיך די שפראך פון לאנד. פונקט ווי די וואס קומען אריין אין אמעריקע, ווילן וואס גיכער אויס־לערנען זיך ענגליש. דאס איז א נאטירלעכער פראצעס אומעטום. פרעגט איר עמיצן עפעס אין יידיש, וועט מען אייך גערן ענטפערן אין יידיש אויב מע פארשטייט אייך. יידיש אין ישראל איז כמעט אין דער זעלביקער בחינה, ווי יידיש אין אמעריקע. נאר מיט איין וויכטיקער אויסנאמע: בעת ביי אונדז דא, ווערט די יוגנט פון אונדז, יידיש־גייסטיק אפגעריסן, דערווייטערט און פרעמד, איז אבער די יוגנט אין ישראל א גאנצע, מיט א נאטירלעכע פארשטענדעניש פאר יידישן תוכן, יידיש שטייגער לעבן און יידישע געשיכטע. מחמת דאס איז דאך דער לימוד, דער חינוך, און א נאטירלעך יידישע, טאג־טעגלעכע סביבה.

ווי לאנג וועט דאס ביסל יידיש לשון אנהאלטן אין ישראל? איז פראבלעמאטיש. ס׳ווילט זיך בכלל קיין נביאות ניט זאגן. פונקט ווי ס׳ווילט זיך ניט פארויס זאגן, ווי לאנג וועט יידיש אנהאלטן ביי אונדז? מיין איינדרוק איז, אזוי לאנג ס׳וועלן אריינקומען אין ישראל, פון די מזרח אייראפייאישע יידן, וועט כסדר זיין א סעק־טאר אין ישראל, וואס וועט לייענען יידישע צייטשריפטן און יידישע ביכער. לעת עתה, צוליב דעם צופלוס פון נייע עולים ווערט, ווי כ׳האב דערמאנט פריער, ארויסגעגעבן אין ישראל יידישע צייט־טונגען און ס׳ווערט געלייענט און פארשפרייט דאס יידישע בוך מערער ווי ביי אונדז אין דער יידישער אמעריקע.

אין בית ביאליק, תל־אביב, איז א גאנץ חודש אנגעהאלטן געווארן א ביכער אויסשטעלונג מיט שאפונגען פון יידישע דיכ־טערינס, פון כל תפוצת ישראל; דיכטערינס וואס האבן בלויז גע־שריבן אין יידיש. פון א קרבן מנחה, ביז דאס מאדערנסטע פון אונדזער צייט. פאר מיין פארלאזן תל־אביב, איז אין בית ביאליק צוגעגרייט געווארן אן אויסשטעלונג פון יידישע מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון קישינעווער פאגראם.

אין תל־אביב פונקציאנירט א „ייוואָ״ קאמיטעט. האלט אפ וועכנטלעכע זיצונגען, און זאמלט מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון יידישער איינוואנדערונג אין ישראל. פירט אויך אן מיט א קול־טור טעטיקייט אין יידיש.

די י. ל. פרץ ביבליאטעק עקזיסטירט שוין קרוב צו א פערטל יארהונדערט; פארמאגט א היפשע צאל ביכער אין יידיש. זיי האבן א דריי טויזנט אפנעמער פון יידישן בוך, לויט דעם באריכט פון דער ביבליאטעקערן. זינט די גרעסערע איינוואנדערונג פון עולים, איז די ביבליאטעק מער פונקציאנירנדיק, און איז אפן פון 10 אין דער פרי ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז זעקס אין אוונט, יעדן טאג.

אין תל־אביב עקזיסטירט אויך א בונדישער קאמיטעט. ווען צביון און כאנין זיינען געווען דארטן פאר א באזוך, האבן זיי צוגעזאגט די געגאסן, אז דער ארבעטער קאמיטעט אין אמעריקע, וועט זיי באהילפיק זיין מיט פינאנסן איינצוארדענען א קלוב הויז. די אַרטיקע בונדיסטן האבן געקויפט א הויז פאר א 20 טויזנט דאל. מע האט זי רעמאדעלירט און אויסמעבלירט. איינגעארדנט א זייער פיינע יידישע ביבליאטעק, און לייען צימער אויף דעם נאמען פון דעם פארשטארבענעם בונדיסט פראנץ קורסקי. זיי גיבן דארטן ארויס ביכער צום לייענען און צום פארקויף. דער קאמיטעט ארדנט איין, פון צייט צו צייט, עפנטלעכע פארזאמלונגען און קול־טור אוונטן. צום יארצייט פון 10 יאר ווארשעווער געטא אויפ־שטאנד, איז ב. שעפנער, מיטארבעטער פון „פארווערטס" געווען דער הויפט רעדנער. די פריינט פון יידיש אין ישראל פרובירן אנהאלטן און אנפירן מיט א יידישער קולטור טעטיקייט, ווי מיר דא אין אמעריקע.

ס'איז ווערט צו דערמאנען נאך א וויכטיקן קולטור געביט אין ישראל, וואס איז נאך ניט אזוי באקאנט אין חוץ לארץ. אלע וויסן אז ישראל האט א נאציאנאל העברעאיש טעאטער, „הבימה". אבער אז אין תל־אביב איז שוין אויך פאראן א נאציאנאלע העב־רעאישע אפערע, דאס וויסן ניט אלע. ס'האט גענומען ענגלאנד, הונדערטער יארן, ביז מע האט אנגעהייבן אויפפירן אפערעס אין ענגליש. און אין אמעריקע קלאסישע אפערע שפילן אין ענגליש, איז כמעט א זעלטנקייט. ישראל גייט אבער מיט א שנעלער טעמפא. און אין ישראל ווערט שוין געשפילט אפערע אין העברעאיש. מיר האבן באזוכט דאס הבימה טעאטער, וואו ס'איז געשפילט געווארן „קארמען" אין העברעאיש. למען האמת, פונקט ווי כ'האב נישט פארשטאנען דעם טעקסט פון „קארמען" אין איטאליעניש אזוי האב איך אויך נישט פארשטאנען דעם ספרדישן העברעאיש, בא־זונדערס ווען מע זינגט איז עס שווער צו פארשטיין. אבער ס'איז דא ניט שייך אין פארשטיין די שפראך, נאר די אויסשטאטונג,

די דעקאראציעס, די זינגער און גאר דער עיקר דער פארנעם און פארמעסט, צו דערמעגלעכן אין אזא קורצער צייט, אפערע אין העברעאיש. דעם קרעדיט פאר דעם דעם גרויסן אויפטו קומט אדיס דה־פיליפ, אן ענערגיש דראמאטישע זינגערין געבוירן אין אמעריקע פון יידישע עלטערן, און איז פארליבט אין ישראל.

תל־אביב האט אויך א גאנץ פיינעם קונסט מוזעאום. אמת, מע קען אים ניט פארגלייכן מיט די קונסט מוזעאומס אין אייראפע; אבער דער תל־אביבער מוזעאום איז אנגעפילט מיט אייגנארטיקער יידישע קונסט, וואס מע געפינט ניט, נאטירלעך, אין די וועלט מוזעאומס.

מע האט א סך גערעדט און דערציילט אז אין דעם נגב, אין דער טיפעניש פון דער ערד, זיינען זיכער פאראן אויל קוואלן. לעת־עתה, האט מען נאך ניט געהערט אז מע זאל האבן געפונען אויל. אבער אז אין נגב זיינען פאראן כלערליי פארביקע זאמדן און אז מע האט זיי אויסגעגראבן, דאס יא. און, ס׳האבן זיך שוין געפונען צוויי קינסטלער, א מאן און א פרוי, וואס מאלן בילדער פון אט די קאלירטע זאמדן. כ׳האב באזוכט אזא אויסשטעלונג פון דער קינסטלערין ב. בורשטיין. און דאס איז באמת אן אייגנארטיקע קונסט: לאנדשאפטן, פייסאזשן און פארטרעטן, געמאלן מיט די פארביקע זאמדן פון נגב. באטראכט איר די דאזיקע בילדער אין פערספעקטיוו, וועט איר אסור מיינען, אז ס׳איז אויסגעארבעט פון זאמד; נאר איר דענקט אז ס׳איז געמאלן מיט פארב און פינזל.

ס׳וואלט אויך כדאי געווען צו דערמאנען, וועגן דער ישראל־דיקער יוגנט און די קינדערלעך. עס זעט אויס אז די עלטערן אין ישראל, ארעם און רייך גיבן אוועק, פון דאס בעסטע און דאָס לעצטע, וואס זיי האבן פאר די קינדער. זעען טאקע אויס די קינדערלעך דארטן ווי בליענדיקע בלומען: געזונטע מיט רויטע אויסגעפילטע בעקלעך; לעבעדיקע יידישע אויגעלעך, ס׳איז ממש א פרייד צו קוקן אויף זיי. די דערוואקסענע יוגנט דאָרטן, איז לעבעדיק, זינגענדיק און מונטער, און ס׳פילט זיך ניט, זי זאל טראגן אויף זיך דעם קאמפלעקס ייד . . .

אויפן וועג צו ירושלים

מיט א באזונדער ציטער און אנגעשטריינגטע אויפמערקזאמ־קייט, האבן מיר באטראכט יעדע זאך, אויף דעם גאנצן וועג, פון אונדזער אויטאמאביל־רייזע, פון תל־אביב ביז ירושלים. האבן מיר דאך אזויפיל אנגעהערט זיך, וועגן די העלדישע הערא‏ישע קאמפן, וואס זיינען, אויף די וועגן טאקע, פארגעקומען, פאר ישראל׳ס זעלבסטשטענדיקייט, אין אונדזערע טעג. און, ווייסן מיר דאך פון אונדזער לאנגער מארטירער געשיכטע, וויפיל בלוטיקע מלחמות, קרייץ־צוגן און שלאכטן די יידן האבן איבערגעטראגן, אויף אט דער הייליקער ערד, אין דעם אומפארגעסלעכן צו אונדז עבר? איז דען צו אונדז ניט באקאנט, דורכן חומש, די אלע וועגן און שטעגן, די בערג פון יהודה, און די ברייטע פרוכטבארע טאלן אין און ארום ירושלים? אלץ שווימט פאר דיר בולט ארויף אין דיין זכרון: — די געשיכטע פון דיין פאלק, די העלדן און קעמ־פער, די נצחונות און מפלות; דער נע־ונד פון דיין פאלק אין די גלות־לענדער, די ירידה און פארפאלגונגען, דער בלוטיקער אומקום פון דיינע אומצייליקע ברידער און שוועסטער, און, די ענדלעכע עליה, פון די לעבן געבליבענע, צו אייגענער ערד און־טער אן אייגענעם הימל.

פארסט און ביזט דורכגענומען מיט א געפיל פון יראת־הכבוד, פאר די וואס האבן מעגלעך געמאכט אז זאלסט האבן די זכיה אלץ צו זען און קענען איבערלעבן אט די עקזאלטירנדיקע פרייד.

דער וועג פון תל־אביב צו ירושלים פירט אונדז דורך רמלה. א היסטאריש שטעטל וואס ווארצלט זיך נאך פון 8טן יארהונ־דערט. אלץ וואס דו זעעסט ארום ווארצלט זיך טיף אין אונדזער געשיכטע. זעעסט אבער אויך זאכן און געמען, וואס האבן פיגו־רירט אין דער פרעסע אין אונדזערע טעג, מחמת די גרויסע גע־שעענישן, וואס זיינען דארטן פארגעקומען. אט איז דער „וועג פון קוראזש און מסירות נפש". דער וועג איז געבויט געווארן בשעת דעם בלוטיקן געראנגל צווישן די אראבער און די יידן אין 1948.

„באב על ועד" אדער דער „טויער פון טאל" און „אבא גוש" אן אראביש דארף, ארום ירושלים, האבן צו דערציילן פון הערא‏ישע קאמפן אין קרבנות־גרייטקייט פון די זין און טעכטער פון ישראל אין דער לעצטער באפרייאונגס מלחמה. „אבא גוש"

דאס אראביש דארף, ווערט דערציילט, איז דוקא געווען פריינט־לעך צו די יידן, און אפילו געהאלפן אין קאמף מיט ענגלאנד).

אויף יענע וועגן פארט איר אויך פארביי, דעם „יער הקדו־שים". ביי די זייטן פון וועג קענט איר אויך זען א צאל צעבראָ־כענע טאנקען, און „טראקס" ווי א זכר לחורבן פון יענע שווי־דערלעכע בלוטיקע מלחמה־טעג. דער גאנצער טאל ביז מע דער־נעענט זיך צו די הרי יהודה, וועלכע רינגלען ארום ירושלים, איז באזונדער שיין און כמעט פלאך און פרוכטיק לאנד. דער גאנצער אויסבליק ארום, דערמאנט א סך אין די ברייטע פרוכפערדיקע טאלן פון דרום קאליפארניע. דער גאנצער וועג איז א צעמענ־טירטער, פאר צוויי רייען אויטאמאבילן, און איצט ווערט דער וועג אויסגעברייטערט צוליב דעם גרויסן „אויטא" פארקער, צווישן תל־אביב און ירושלים.

ווען איר דערנעענט זיך שוין צו ירושלים שלענגלען זיך שוין די וועגן ארום די בערג, און די ערד איז שוין שטיינערדיק און ווייניקער פרוכפערדיק.

ווי איבערן גאנצן לאנד אזוי אויך דא, באגעגנט איר צע־שמעטערטע אראבישע כאלופקעס, אדער גאר אן אראביש דערפל, מיט צעפאלענע ליימענע שטיבלעך, פארלאזן פון די אראבער אין דער צייט פון קריג. אין א צאל אראבישע שטיבלעך, וואס זיי־נען, מער ווינציקער, וואוינבאר, האבן זיך ארייגעצויגן ניי ארי־בערגעקומענע עולים. זייט ביי זייט מיט דעם באדן פון ישראל, אויף די וועגן צו ירושלים, גרענעצט זיך אויך אראבישער באדן, מיט באוואוינטע אראבישע דערפער. און אויך באדן וואס מע רופט „קיינעמס לאנד". אזוי ווי קיין שלום צווישן די אראבער און ישראל איז נאך לעת־עתה ניט איינגעשטעלט, טאר דעריבער קיי־נער דעם באדן ניט באטרעטן.

דא, ווי אומעטום איבערן לאנד ביי די וועגן זעט איר נייע פונקטן, אויפגעשטעלטע קליינע שטיבלעך אין גלייכע רייען. דארטן וואוינען שוין פון די עולים, וואס האבן שוין באוויזן צו פאר־דינען פאר זיך אויף א שטיקל חיונה, און האבן שוין די מעג־לעכקייט אריבערצוקלייבן זיך פון א מעברה אין א מער פא־סיקער וואוינונג. די דאזיקע באוואויער פון די נייע שטיבלעך זיי־נען מערסטנס פועלים וואס זיינען באשעפטיקט אין די נאענטע קלענערע און גרעסערע פאבריקן אין דעם ראיאן. א צאל פון די באוואוינער זיינען תימנ'ער, וואס באארבעטן אויך דעם באדן.

אויף דעם וועג צו ירושלים, האבן מיר אויך געזען מילי־

טערישע קעמפּס, וואָס די ענגלענדער האָבן איבערגעלאָזט, נאָך זייער עוואַקואַציע, וואו יונגע בחורים און מיידלעך, אין מיליטער עלטער, פאַרפערטיקן זיך צו מיליטער דינסט, אין דער ישראל אַרמיי. אַגב, זעט איר איבערן גאַנצן לאַנד, אויף אַלע וועגן, גרויסע מאַסיווע פּאָליציי געביידעס, וואָס זיינען געבליבן אַ ירושה פון דער מאַנדאַטן־מאַכט. אַזעלכע פּאָליציי געביידעס זיינען פאַראַן 57 אין צאָל, צעשפּרייט איבער אַלע טיילן פון לאַנד, און זיינען איצט פאַרנומען פון דער ישראל פּאָליציי און אירע דעפּאַרטמענטס. אויך איז געבליבן פון דער מאַנדאַטן מאַכט, בנינים פאַר עלעקטרישע טרייב־קראַפט, סטאַנציעס פאַר וואַסער. אַלץ זאַכן און בנינים וואָס קומען איצט גוט צונוץ דער מלוכה.

אויף דעם זעלביקן וועג זעט איר אויך די „לאַטרון" סטאַציע, פאַר וועלכע מע האָט בלוטיק געקעמפט אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג פון ירושלים. און, דער באַרימטער „בורמאַ וועג" וועלכע מע האָט, אונטער דעם שיסן פון שונא׳ס קוילן, דאָך דורכגעבראָכן.

מיר פאָרן ענדלעך אַריין אין דער היילקער, ביבלישער ירושלים. ריכטיקער, ניי־ירושלים. מחמת די ירושלים פון דער „כותל־מערבי" איז נאָך, לײַדער אין די הענט פון די אַראַבער, און יידן ווערן ניט צוגעלאָזן אַהינצוצו.

די שטאָט איז געווען איינגעהילט אין זון־שיין און דער וועטער איז געווען מילד, פרילינגדיק, ווי ערב פּסח.

אין ניי־ירושלים דערזעט איר קאָנטראַסטן: הן אין דעם סטיל און אַרכיטעקטור פון די בנינים, הן די מענטשן. אָט זעט איר גרויסע שיינע בנינים, נייע, געבויט פון שטיין און צעמענט און אָט אַלטע מויערן, וואָס טראָגן אויף זיך צייכנס פון געשיכטע. מיר שטעלן זיך אָפּ נעבן דעם גרויסן בנין פון דעם „ווי. עם. סי. עי." אַ שיינער פּאַלאַץ, מיט אַ שווים באַסיין און אַנדערע מאָדערנע איינריכטונגען און, אַנטקעגן דעם בנין, דער פּרעכטיקער „קינג־דייוויד" האָטעל, גרויס און רחבות׳דיק, וואָס וואָלט געהאַט אַ גאָר פיינעם אָנזען, אַפילו אין די גרעסערע שטעט אין אַמעריקע. אַזוי אויך די „עמבאַסיס" פון פאַרשיידענע לענדער, אַ צאָל מאַנאַסטירן, אַ פאַרלאָזענער גריכישער שפּיטאָל, בנינים פון אַ געוועזענער דייטשישער קאָלאָניע און, די „נאָטרע דאַם דע פראַנס", וואו ס׳איז פאָרגעקומען שווערע שלאַכטן אין צייט פון קריג מיט די אַראַבער. אויך זעט איר דאָ אַ צאָל גאָר שיינע באַלעבאַטישע הייזער, דאָס אייגנטום פון רייכע עפענדיס, וועלכע האָבן פאַרלאָזן

אלץ מיט אן אנדער, און זיך מערער ניט אומגעקערט צוריק. אויך די הייזער זיינען איצט באזעצט געווארן פון יידן. א שיין באַלעבאַטיש הויז, אין ירושלים, באוואוינט אונדזער פרעמיער, דוד בן־גוריון (א צווייט הויז באוויונט ער אין תל־אביב), א פיין באַלעבאַטיש הויז, ארומגעצוימט און א סאד און גארטן, באוואוינט פראפעסאר יוסף קלויזנער. אויף אונדזער פראגע צום „שאפער" וואס פאר א הויז באוויאנט אונדזער נייער פרעזידענט בן־צבי? אויף דעם האט ער תמימותדיק און מיט א שמייכל צוגעגעבן אז בן־צבי וואוינט זייער פשוט און איינפאך. עס זעט אויס אז די יידן אין ישראל האלטן זייער א סך פון בן־צבי. מע רעדט וועגן אים מיט א סך דרך ארץ; סיי פאר זיין באלערזאמקייט און סיי פאר זיין טאלעראנטע און הערלעכע באציאונג צו אלע עלעמענטן אין לאנד, סיי די רעליגיעזע און סיי צו די פרייערע.

אין ירושלים באגעגנט איר כלערליי טיפן יידן. וועלטלעך אייראפּיאיש געקליידט און, א היפשע צאל יידן פון די אראבישע לענדער: תימנר, מאראקאנער און איראקער; טונקל הויטיקע, מיט פנימער אזעלכע צעקארבטע, פירן זיך אויף לויט זייער אלטן שטייגער לעבן און מנהגים, אנגעטאן אין זייער אריענטאלישער הלבשה. איר באגעגנט זיי, אויף די ראגן, אויף די גאסן, אייניקע פון זיי שטרעקן אויס א האנט פאר א נדבה דערזעענדיק א ניט דאאיקן.

אן אויסערגעוויינלעך פאטעטישן איינדרוק, מאכט אויף איינעם דער „מאה־שערים" פערטל. די יידן לעבן דארטן ווי אין אן אייגענער געטא. זיך פרייוויליק אליין ארומגעצוימט, אפּגעטיילט זיך פון דער דרויסנדיקער וועלט ארום זיי. פירן דארטן זייער אייגן־ארטיק לעבן. כלערליי שולכלעך, „שטיבלעך", אַ שטיבל אויבן, א שטיבל אונטן, שטיבלעך אין די קעלערס. דאוונען שעה'ן לאנג, ווער מיט התפעלות, ווער אין דער שטיל. יעדע שטיבל לויט איר נוסח. דער געשריי פון געמארק און האנדל, רייסט זיך אריין צו די מתפללים און ווערט אויסגעמישט ווי אין איין כאר. קינדערלעך לויפן דא ארום אין אפגריסענע מלבושימלעך, מיט לאנגע פלעשלדיקע פאה'לעך ווי קליינע יידעלעך. פרויען זיצן אין קליינע איינגע קרעמלעך אדער „שטעלן" מיט אביסל צעלניק. און אנדערע אויף דער ערד, אין די שמוציקע געסלעך, מיט זייערע האלב צעפוילטע שאר־ירקות און סחורות. זעסט דא יידן אזעלכע מאדנע, דרייען זיך ארום אין דעם געווירבל פון מארק, ווי זיי וואלטן געווען שטארק באשעפטיקט מיט עפעס. דער גאנ־

צער אויסזען זייערער, דער פרצוף־פנים און הולך איז עפּעס אזוי ווילד פרעמד צו אונדזעריקן א יידן פון דער יידיש מאָדער־נער וועלט, אַז מאָמענטנווייז טוט איר זיך אַ טראַכט: — וואָס באַמת פאַר אַ געמיינשאַפט און שייכות קאָנען מיר האָבן מיט אַזעל־כע יידן פון העכסטן פאַנאַטיזם? ניט מיר פאַרשטייען זיי, ניט זיי פאַרשטייען אונדז. צוויי וועלטן. עפּעס זעען זיי צו אייך אויס ווי פון אַ פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

מיין אַרומפירער, אַ יונגער מענטש, אַ ירושלים׳ער פון אַ סך יאָרן, זאָגט מיר. — ווי איז צו דעם וואָס וואָגט דורכפאָרן אום שבת אין אַן „אויטאָ" אין זייער שטח. אַט די זעלביקע שומרי־שבת׳ניקעס, וועלן זיך אָבער ניט אָפּהאַלטן, אום שבת, אייך צו באַוואַרפן מיט שטיינער, אָדער גאָר אַרויסלאָזן די לופט פון די גומי־רעדער פון אייער אויטאָמאָביל. אויך זיינען די מערסטע פון זיי, גוואַלדיקע קעגנער פון דער יידישער מלוכה. זיי גלויבן אין דעם קומען פון משיחן, און אַז די באַפרייאונג, דורך דער הילף פון פּשוטע בשר ודם׳ס, איז אַ חילול השם, און ס׳איז מערער ווי אַ ווילדע אַפּיקורסות.

— ווער האַלט זיי אויס, די מענטשן? פון וואָס לעבן זיי? אַז זיי ליגן כסדר אין די שטיבלעך, דאַווענען, לערנען אָדער זאָגן תהילים? — האָב איך אַ פרעג געטאָן מיין באַגלייטער.

— אַמעריקע, אָדער חוץ לאָרץ — איז געקומען דער ענט־פער. — ס׳איז מערער אייער שולד — האָט ער צוגעגעבן — זיי האָבן דאָ אַן אָרגאַניזירטן אַפּאַראַט, אַ מין היראַרכיע, זיי שיקן כסדר אַרויס כלערליי משולחים אין די שטאָטן און זיי זאַמלען דאָרטן אין די טויזנטער, פאַר זייערע שטיבלעך און ישיבות. ס׳ווערן דאָ אויסגעהאַלטן כלערליי רבנים און כלי־קודש, און אַזוי פירן זיי דאָ אַן אייגענעם פּראָדוקטיוולאָזן לעבן אויפן חשבון פון דער דרויסנדיקער קיצבה און נדבות.

עס זיינען דאָרטן אויך פאַראַן גאַנץ פאַרמעגלעכע צווישן אַט די פאַנאַטישע מאה־שערים׳ניקעס, אָבער די מערסטע פון זיי, זיי־נען אָרעמער פון אָרעם.

מיר האָבן פאַרלאָזן דעם „מאה שערים" פערטל, מיט אַ שווערן איינדרוק, מיט ניט קיין גאָר געהויבענעם געמיט. כ׳האָב געפילט אַז, פאַר אַ אונדזעריקן, יידיש־וועלטלעכן יידן, איז עס אַ גראָ־טעסק בילד, אַ קאַריקאַטור פון יידיש לעבן. ניט אַזאַ יידישקייט וואָלטן מיר וועלן זען, עס זאָל פאַרפּעטויִרט ווערן . . .

מיר זיינען נאָכדעם צוגעפאָרן צום גן־הסנהדרין, וואָס איז

סיטואירטביים ברעג פון ירושלים. אויף א ניט צו הויכן בערגל איז פארפלאנצט געווארן א בוימער־גארטן. אבער, אונטן, אונ־טערן גארטן, זיינען פאראן אויסגראבונגען „קאטאקאמבן" אין וועל־כע די סנהדרין, מיט העכער צוויי טויזנט יאר צוריק, פלעגן אונ־טערערדיש, אויסבאהאלטן זיך פון די קריגערישע רוימער. פון אט דער אונטערגרונט, פלעגן זיי ארויסגעבן פאר דעם פאלק, די געזעצן און תנאים, ווי אפצוהיטן יידישן סדר און שטייגער לעבן. דער ארייגאנג צו אט די גריבער קאטאקאמבן איז אן אויסגע־האקטע לאך אין דעם בערגל, קוים פאר א מענטשן ארייצוקריכן. די גריבער־באהעלטענישן זיינען, פארשטייט זיך, פארלאזן. נאך די רעגנס בלייבט דארט א שטייענדיק וואסער, וואו ס׳ווימלען ארום פארשיידענע אינזעקטן און פלעדערמייז. דאס פלאץ אַן און פאר זיך האט א גרויסן היסטארישן ווערט. לזכרון דעם שווערן געראנגל און קאמף פון די יידן, פאר דעם אנהאלט פון זייער קיום און אמונה.

ניי־ירושלים מאכט אויפן ערשטן אויגנבליק דעם איינדרוק ווי א גרויסע שטאט, אבער איז אין דער אמת׳ן זייער קאָנצענט־רירט; די מערסטע גרויסע בנינים: די האטעלן, אינסטיטוציעס, שולן און כנסת, זיינען נישט אין קיין ווייטע דיסטאנץ איינע פון די אנדערע. אזוי איז דער פרעכטיקער בנין פון דער יידישער אגענטור, נאציאנאל פאנד און קרן קימת הויזן צוזאמען. אין זעל־ביקן בנין געפינט איר דר׳ הערצלס צימער, א דופליקאציע פון זיין קאבינעט, און אלע זיינע ביכער, חפצים, מעבל. אלץ ווי ס׳איז געווען ביי זיין לעבן, ביז זיין פטירה.

אויף דער זעלביקער גאס געפינט איר אויך די גרויסע בן־ישורין שול געבויט רונדיק און הויך. דאנעבן געפינט זיך אויך דער איצטיקער בנין פון דער כנסת (מע בויט איצט א גרעסערן בנין פאר דער כנסת). דער כנסת איז ניט צו גרויס אבער גרויס גענוג פאר דער פארטרעטערשאפט מיט א היפשער גאלערייע פאר געסט באזוכער. ס׳איז פאר אונדז באזונדערס געווען אינטע־רעסאנט, צו זיין ביי א זיצונג פון דער כנסת. ס׳איז גראדע גע־ווען דאן די לעצטע זיצונג, ערב פסח, איידער מע האט געשלאסן דעם כנסת איבער יום־טוב. יוסף שפרינצאק, דער פארזיצער אדער „ספיקער", איז צו יענער צייט געווען אין איראפע, האט זיין ארט פארנומען דער וויצע פארזיצער. די פארהאנדלונגען זיינען געפירט געווארן, פארשטייט זיך, אין העברעאיש על פי נוסח ספרד, וואס איז באזונדערס שווער געווען צו פארשטיין: האט מיין אויג,

מחמת דעם, געהאט די געלעגנהייט ארומצואוואנדערן און בא־טראכטן די דעפּוטאטן פארשטייער צום כנסת.

ניט אלע דעפּוטאטן ביי דער זיצונג פון דער כנסת זיינען אנוועזנדיק געווען, האלב פון די זיץ־פּלעצער זיינען געווען כמעט ליידיק. צווישן די אנוועזנדיקע פארטרעטער, האבן אויך פיגו־רירט א 4 אדער 5 פרויען דעפּוטאטינס און ניט אלע פון די פארטרעטער זיינען געקומען אין צייט. אייניקע האבן זיך בא־וויזן, ווען די פארהאנדלונגען זיינען שוין אנגעגאנגען. אלץ ארום האט געמאכט דעם איינדרוק פון א פרייע פאלקס דעמאקראטישע פארזאמלונג. ס'האט זיך ניט געפילט די שטרענגע דיסציפּליניר־קייט, וואס איינער דערווארטעט. אייניקע פון די פארטרעטער, זיינען געווען האלב פארמעל געקליידט, מיט א ווייס העמד און קראוואט און אנדערע אין פּשוטע, טונקעלע אפענע ספּארט, אדער ארבעטער העמדער, העכסט פאלקסטימלעך. זע איך חלילה אין דעם נישט קיין עולה אדער א חסרון; די עולה אבער, גלויב איך, איז באשטאנען אין דעם, וואס אייניקע פון זיי האבן גאנץ ברייטלעך פונאנדערגעשפּרייט זייער צייטונג און געלייענט, בשעת דער פאר־זיצער אדער בן־גוריון האט גערעדט. דאס האב איך געדענקט, איז ניט אין איינקלאנג מיט עטיק און טאלעראנץ. כ'האב א טראכט געטאן נאכדעם, ווי גיך אונדזערע ישראל דעפּוטאטן צום כנסת, האבן זיך אויסגעלערנט די פּאליטישע שטיק. דוכט זיך נאך אזוי יונג און די פּארלאמענט פּירונגען אבער האנדלען שוין, כמעט, ווי די פארטרעטער אין אמעריקאנער קאנגרעס . . . נאר „פּילי־בוסטערן" האט געפעלט! . . .

צו די כנסת זיצונגען קענען געסט אריינקומען נאר אויף, פון פריער פארגרייטע, בילעטן. מיט מיין פּרעס קארט איז מיר נישט שווער געווען צו קריגן בילעטן פאר דער זיצונג. הגם, פאר טו־ריסטן ווערט בכלל געגעבן בילעטן אריינצוקומען אין כנסת, ווען ס'איז נאר פאראן פּלאץ.

זיצנדיק אין דער כנסת לעבט איר איבער, פונדעסטוועגן, א זייער פריידיקן און געהויבענעם מאמענט. איר האט די זכיה צו זיין אן עדות פון א געשעענעם פאקט — אן ערשטער יידישער פּארלאמענט, יידישע געזעץ־געבעריי, אן אייגענע יידישע מלוכה אין אן אייגן לאנד . . . אט דער דאזיקער געפיל איז זיכער א גרויסע פריידיקע איבערלעבונג, וואס גיט זיך נישט אזוי גרינג איבער, שריפטלעך אדער מינדלעך. פאר דעם, ווי פאר א סך אנדערע זאכן און דערשיינונגען, דארף מען אליין זיין דער עדות פון דעם מא־

מענט, כדי אט דעם דערהויבנדיקן געפיל פסיכיש איבערלעבן.

ווען איינער איז אין ירושלים איז עס א ניט ווייניקער מוז צו באזוכן דעם בצלאל מוזעאום. חוץ דעם מוזעאום איז בצלאל אויך באוואוסט ווי א קונסט שולע, פון וועלכער ס׳זיינען ארויסגעקומען א גאנץ באדייטנדיקע צאל טאלאנטירטע שילער, פאך־לייט און קינסטלער פון: קופער און זילבער־שמידן, האלץ שניצער, גראווי־רער און מאָל קינסטלער. א סך קונסט ארטיקלען און כלערליי חפצים פון יידישן און ביבלישן כאראקטער, געפינט מען אין די מערסטע קונסט געשעפטן אין ישראל, אויסגעארבעט אין בצלאל. פון א באזונדערן אינטערעס איז ווערט צו באזוכן דעם בצלאל מו־זעאום. דעם מוזעאום קען מען, נאטירלעך, נישט פארגלייכן צו די אויסערגעוויינלעכע רייכע קונסט מוזעאומס פון אייראפע ווי: די לואוור אין פאריז; דער וואטיקאן מוזעאום אין רוים און צענדליקע קונסט טעמפלען, אקומילירטע קונסט רייכטימער פון לאנגע יארהונדער־טע. דערפאר אבער איז בצלאל יידיש אייגנארטיק, א יחיד במינו, וואס איז א זעלטנקייט צו געפינען אין די וועלט מוזעאומס.

אין איין בנין פון בצלאל זעט איר כלערליי היסטארישע חפצים, ארנאמענטן און רעליגיעז ריטואלע מכשירים; אלטע פרוכת׳ן, כל־ערליי מנורות און חנוכה לעמפלעך פון פארשיידענע צייטן און לענ־דער: ווי פוילן, פון אלטן פראג און אין די מערסטע לענדער וואו יידן האבן געלעבט און אויסגעוואנדערט. אויך כלערליי פארצייטיקע יידישע מטבעות, כתר־תורה׳ס, זילבערנע טייטלען און בשמים־ביקסלעך. א צימער פון כלערליי קופערנע, ערדענע און גלעזערנע כלים, אויסגראבונגען פון 12טן און 14טן י. ה. כלים וואס טראגן אויף זיך בולטע צייכנס פון אונדזער גאר וייטן עבר. א ספעציעלער צימער, פון דעם פאטער פון „בצלאל", פראפעסאר באריס שאץ ע"ה מיט זיינע קונסט שאפונגען, מאלערייען און סקולפטורן.

כ׳האב מיך פערזענלעך באקאנט מיט פראפ. באריס שאץ, ווען ער איז, אין יאר 1938 געווען אויף א טורנע איבער אמעריקע, לטובת דער בצלאל שולע. דער לאס אנגעלעסער יידישער קולטור קלוב, האט דאן ביי אים געקויפט זיין בארימט אויל בילד „ירמיהו" וואס באצירט עד־היום די מזרח וואנט פון דעם קלובס ביבליאטעק. כ׳האב געהאט אין מיין באזיך א בריוו פון פראפ. שאץ אין שייכות מיט דעם דערמאנטן בילד און אויך וועגן דעם מאטעריעלן מצב פון „בצלאל" צו יענער צייט. ווען כ׳האב דעם בריוו איבערגע־געבן צום ראש פון מוזעאום, האט ער מיט דאנקבארקייט גענומען דעם בריוו, פאר דעם ארכיוו פון „בצלאל".

א ספעציעל צימער אין מוזעאום איז אויסגעשטאט מיט כל־ערליי מוזיקאלישע אינסטרומענטן פון גאר, גאר אלטע צייטן און א גרויסער זאל מיט בילדער און סקולפטורן, שאפונגען פון באַרימטע יידישע קינסטלער: מאקס ליבערמאן, לעוויטאן, דזשייקאב עפשטיין, שאגאל, אנטאקאלסקי, מאקס באנד און צענדליקע אנדערע. דער בצלאל מוזעאום, ווי געזאגט, צייכנט זיך באזונדערס אויס, מיט זיין יידישן אייגן־ארט און פארן יידישן באזוכער איז עס פון א באזונדער קינסטלערישן ווערט און דערפארונג.

אז איר זיינט אין ירושלים, פארפעלט איר שוין ניט צו זען דעם קיבוץ רמת־רחל. אט דער קיבוץ גרענעצט זיך מיט אן אראַביש דארף, און דער קיבוץ האט זייער שטארק געליטן פון דער בלוטיקער שלאכט וואס איז פארגעקומען דארטן אין 1948, אין קאמף פאר ישראלס זעלבסטשטענדיקייט. דער קיבוץ איז סיטוּאירט אויף א באַרג און איר האט פאר אייער אויג א בעפעלנדע פאנאראמע: די בערג פון יהודה, דעם מדבר, די שטאט „בית־לחם" און אפילו די באוועגלעכקייט פון די שכנישע אראבער אונטן אין טאל. רמת־רחל האט אמשטארקסטן געליטן צוליב די נאענטע שכנה'שאפט מיט די אראבער. א צאל קיבוצניקעס זיינען נאָך די ביטערע שלאכטן געפאלן, די איבריקע האבן זיך געמוזט צוריקציען, ביז ס'איז אונטערגעקומען הילף. דארטן זעט איר נאָך איבערגעבליבענע צייכנס פון דער מלחמה. א צעשאסענער וואסערטאנק, רעזערוואואר, א צאל צעשטערטע בנינים און אויף איין גרויסן 2 שטאקיקן בנין, וואס מע האט רעמאדעלירט, און איבער־„געסטאקעט" אין דרויסן, האט מען אין סאמע צענטער אין דער הויך ספעציעל איבערגעלאזט א פיר קאנטיקע שטיק, דריי פוס צו דריי פוס, ניט פארצעמענטירט, כדי צו זען, ווי צעלעכערט דער גאנצער בנין איז געווען פון די גראנאטן און קוילן, וואס דער שונא האט נאכאנאנד געשאסן.

דער קיבוץ איז, נאטירלעך, ווידער באנייט געווארן, גיט זיך אָפּ מיט לאנד און מילך ווירטשאפט און פארמאגט אויך א בעקעריי.

פון די פילע מעברות, וואס איז אונדז אויסגעקומען צו זען און באגעגענען אויף דער רייזע איבער ישראל, איז די ירושלימער מעברה, די פאטעטישסטע, און מאכט אויף איינעם דעם שווערסטן איינדרוק. אפשר מחמת ס'איז געווען תיכף נאך די גרויסע רעגנס און די לייוונטענע געצעלטן זיינען געווען מורא'דיק צעווייקט, די ענגע געסלעך שטארק פארבלאטיקט; די אלטע צעריסענע בעבעכעס זיינען געווען אויסגעלייגט אין דרויסן צום טריקענען. די פליגלען

פון די לייוונטענעביידלעך, פארהויבן אזוי, אז דאס גאנצע ביסל ארעמשאפט און איינגשאפט איז געווען פאר אייער אויג. א בילד א טרויעריקס, א זייער פאטעטישעס.

אין אט די בלאטיקע געסלעך גייט כלומרשט אן א האנדל, מ׳שטיינס געזאגט. אט זיצט א תימנ׳ער פרוי אויף דער ערד מיט אביסל האלב צעפוילט גרינס צום פארקויף. אן אנדערע מיט א האלב טוצן פארדארטע בייגל. א כמו־סאנדלער פארריכט א פאר שיך. א פארזוך, אזוי צו זאגן, צו זיין מיט עפעס באשעפטיקט כדי זיך האלב צו דערנערן. ווי אזוי די מענטשן קענען זיך דורכלעבן אפילו מיט דעם מינימאלסטן, בצימצומדיק, איז שווער זיך משער צו זיין.

די מעברות זיינען צעווארפן און צעשפרייט אין אלע טיילן פון לאנד, און אויף אלע וועגן, פון תל־אביב ביז ירושלים, ביז באר־שבע, און ביז דעם ווייטסטן גליל העליון. אומעטום, נעבן יעדער „סעטלמענט" קיבוץ אדער מושב, זעט מען רייען מיט געצעלטן, הילצערנע אדער פון בלעך אויפגעקלאפטע. די לעצטע זיינען שוין, מער וויניציקער וואוינבאר, און מאכן שוין ניט אזא געדריקטן שווערן איינדרוק ווי די לייוונטענע ביידלעך אין און ארום ירושלים.

מיר זיינען נאכדעם צוגעפארן צום גרענעץ, וואס טיילט אפ די ישראל טעריטאריע פון דער אראבישער, ביים באוואוסטן לילנבוים טויער. ביי דער ישראל זייט פון גרענעץ שטייט א הילצערן שטיבל מיט אונדזערער א מיליטערישער וואך, פון דער אנדערער זייט גדר, אן אראבישע וואך. אונדזער וועג־ווייזער האט אונדז צוגעפירט צום טויער. געפרעגט די וואך צי ס׳וועט דערלויבט זיין א קארעספאנדענט פון אמעריקע (ווייזנדיק מיין פרעסקארט) אריבערגיין אביסל אויף יענער זייט גדר. „בשום אופן ניט", איז געקומען דער ענטפער. פאר די אראבער איז עס א גאנצע קליינער יחוס. אויף דער ישראל זייט, הארט ביים טויער פון דער גרענעץ, שטייט אן אלטער, צוויי גארנדיקער בנין פון ציגל. די פענצטער זיינען ארויסגענומען און די פענצטער־לעכער זיינען פארלייגט מיט אנגעפילטע זעק מיט זאמד, און בלויז א קליינע לאך־עפענונג, פאר א ביקס דורכצושיסן, אין פאל אן אראבישער אריינדרינגער פארווילט זיך איבערקרייצן דעם גרענעץ. כ׳האב נאכדעם א טראכט געטאן: יא, מיר זיינען אין דער מלוכה׳שאפט טאקע אויף אן אמתן, ניט צום נארן זיך:

גרענעצן, מיליטערישע וואך, וואס איז גרייט צו פארטיידיקן אונדזער לעבן און אייגנטום, מיט געווער אין די הענט.

אזוי איז עס אפּנים . . .
האבן מיר דען אן אנדער ברירה ? . . .

יידישע קינדערלעך האבן זיך געשפּילט, ניט ווייט פון דער גרענעץ. די מאמעס און אויך די קינדערלעך האבן געוואוסט אז א וואכזאם אויג, פון אונדזער מיליטער, היט זיי, פּאסט אויף אויף זיי.

ניט צו אלץ, וואס ס׳וואלט זיך געוואלט זען אין ירושלים, ווי היסטארישע ביבלישע זאכן, מאנומענטן און הייליקייטן, איז מעג־לעך געווען צוצוקומען; מחמת, א סך פון דעם ליגט נאָך, ליידער, ביי די אראבער מע מוז זיך, לכן, באנוגענען בלויז מיט א בליק צו טאן פון א דיסטאנץ: דעם בארג סקאפּוס, דעם הר־הזתים, הדסה שפּיטאל, ירושלימער אוניווערסיטעט, בית־לחם, כותל מערבי און א צאָל אנדערע זאכן פון אלט ירושלים. אט די אלע, ביבליש־היס־טארישע הייליקייטן, וואס ווארצלען אזוי טיף אין אונדזער זיין, קען מען ניט אזוי גרינג פארבייגיין, אן א געפיל פון אומרו און פארגעסנקייט . . .

ווען מיר האבן פארלאזט ירושלים איז שוין די זון, אין מערב זייט, פארגאנגען ווי אין פלאמען. מיר האבן אבער געשפּירט א בענק־שאפט־געפיל און א פליסטער אויף די ליפּן. „אם אשכחך ירושלים״, מיר וועלן דיך ניט פארגעסן.

מיר וועלן זיך נאָך צו דיר צוריקקערן — ירושלים! . . .



רחוב המלך דוד — א גאס אין ירושלים

פון תל־אביב ביז באר־שבע

פארסט ארויס פון תל־אביב אויף דעם וועג צו באר־שבע, די גרעסטע שטאט פאר דעם נגב, באגעגנסטו אפן וועג כלערליי אלט איינגעזעסענע קאלאניעס און קיבוצים ווי אויך א צאל נייע פונקטן, סעטלמענטס און פאבריקן. ראשית כל די אלט־היסטארישע שטאט יפו. פאר דער מלחמה מיט די אראבער איז יפו אין איר גרויסער מערהייט געווען אראביש; יידן האבן זיך ווייט ניט געפונען דארט באקוועם און גאר אפט אפילו ניט זיכער. מיט דעם יידישן נצחון, זיינען די אראבער זיך צעלאפן פון יפו. פונקט ווי זיי זיינען זיך צעלאפן פון די מערסטע שטעט אין ישראל. געבליבן אין יפו איז א קליינע צאל אראבער, און איצט איז זי באזעצט געווארן מערסטנס פון די עולים, וואס זיינען געקומען נאך ישראל, תיכף נאך דער באפרייאונגס מלחמה און ישראל׳ס זעלבסטשטענדיקייט. הגם יפו איז איצט א טייל פון תל־אביב, דאך ווערט זי באטראכט, ווי פריער, א באזונדער אפגעטיילטער שטח.

ווי אומעטום גייט אויך דארטן אן א בוי־טעטיקייט און אן איבערבוי פון דער מלחמה צעשטערטע אראבישע הייזער. הגם א סך הייזער זיינען נאך פארבליבן צעשטערט, צעווארפן, ווי א זכר לחורבן. פארסט דורך די יפו׳ר גאסן און געסלעך און זעסט פאר דיינע אויגן דעם חורבן פון מלחמה און דיין וואונטש איז אז יפו און די צענדליקער אנדערע רעסטאווירטע שטעט און דערפער, זאלן שוין מער נישט דארפן איבערלעבן אט יענע גרויליקע מלחמה טעג, וואס האט געבראכט א סך קרבנות, שרעק און פארניכטונג.

אפן וועג שטעלן מיר זיך אפ ביי דער בארימטער אגריקולטור שולע „מקוה ישראל״. אט די דאזיקע שולע איז געגרינדעט געווארן ביים בארון ראטשילד און די „אליינס איזראעליט״ פון פראנקרייך, נאך אין יאר 1870. די שולע האט ארויסגעגעבן פון זיך א סך סטודענטן פאר אגריקולטור און אגראנאמיע, וועלכע האבן גאר א סך געהאלפן צו אנטוויקלען דעם פארוואָרלאזטן באדן פון ארץ ישראל. די ערשטע קאלאניסטן און חלוצים האבן א סך געלערנט פון „מקוה ישראל״ ווי צו ווערן דערפארענע ערד ארבעטער און ווירטשאפט־לער. „מקוה ישראל״ פארנעמט א גאנץ גרויסן שטח, גוט קולטי־ווירט לאנד. דער אריינפאר איז געדיכט באוואקסן מיט א ריי פאל־מען־בוימער. דער פלאץ איז ארומגעצוימט מיט א הויכן דראטענעם

גדר, און, דער גאנצער ארום מאכט דעם איינדרוק פון א פריוואט־רייכן גוט־באזיצער. מקוה ישראל איז ביז היינט צו טאג געבליבן אן עקספערימענטאלע סטאציע פאר אגריקולטור.

ראשון לציון

א צווייטער וויכטיקער פונקט דאנעבן איז די קאלאניע ראשון לציון. זי איז געגרינדעט געווארן אין די גאר פריעסטע יארן פון יידישער באזעצונג. אין יאר 1892 איז זי באשאפן געווארן פון די סאמע ראשונים, ציוניסטן. זי איז געווען די צווייטע יידישע קא־לאניע פון דער דאמאלסדיקער פאלעסטינע. ראשון לציון איז בא־רימט פאר אירע גרויסע וויין־קעלערן און איז אויך אויפגעבויט געווארן מיט דער הילף פון דעם באראן רויטשילד. היינט איז ראשון לציון א גאנץ גרויסע סעטלמענט און די וויינען פון דארטן זיינען בארימט, פאר זייער גוטער קוואליטעט, אין א סך לענדער. אויך איז אין ראשון לציון איינגעשטעלט געווארן די ערשטע צע־מענט פאבריק, פאבריצירט צעמענטענע שטיינער און ציגל פאר בנינים און, רערן פאר איריגאציע (באוואסערונג).

רחובות

פארט מען דורך רחובות, פארפעלט מען ניט זען דר. וויצ־מאנס אינסטיטוט, פון כעמיע און פיזיק. אונדזער פארשטארבענער פרעזידענט חיים וויצמאן ע״ה האט געמאכט דארטן זיין היים, און די משפחה וואוינט דארטן עד־היום. א גרויסער שטח לאנד ארום דעם וויצמאן פאלאצל איז א פרדס פון ציטרוס; און דער גאנצער געגנט ארום איז פרעכטיק שיין באוואקסן און א צאל, גאנץ רייכע באלעבאטישע הייזער, פון די פראפעסארן פון אינסטיטוט. ביים טויער פון וויצמאנס גוט, דרייט זיך ארום א סאלדאט אויף דער וואך, ווי אין די מערסטע מלוכה אינסטיטוציעס.

רחובות איז געגרינדעט געווארן אין 1890 און איז א לאנגע צייט געווען א קליין דערפל. איז איצט אויסגעוואקסן צו א פיינער שטאט מיט עטלעכע האטעלן, פיינע בנינים און געשעפטן. דער גאנ־צער געגנט איז באזעצט מיט פרדסים, גרייפ פרוכט און מאראנצן. אויך קליינע פאבריקלעך און וויין קעלערן.

גבעת־ברענער

גבעת־ברענער איז אן אלטער קיבוץ און האט איצט אן ערך 14 הונדערט איינוואוינער און איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1928, ביי איינוואנדערער פון איטאליע און דייטשלאנד. נאכדעם זיינען אריינגעקומען געווארן יידן אויך פון אנדערע לענדער. דער קיבוץ ברענער איז א נאמען נאך דעם בארימטן העברעאישן שרייבער און ציוניסטישן עסקן יוסף ברענער. דער קיבוץ פערנעמט זיך מיט אגריקולטור, עופות צוכט, „טין קענס" און מעבל פאבריקאציעס. אגב איז די מעבל פאר דעם וויצמאן אינסטיטוט אין רחובות געמאכט געווארן אין קיבוץ ברענער.

אין שכינות מיט דעם קיבוץ ברענער איז אויפגעבויט געווארן א פּרעכטיקע אפּרו־היים פאר ארבעטער פון דער הסתדרות. די לאנד דארטן, איז זייער שיין קולטיווירט און באארבעט. בלומען און בוימער ארום. מיר האבן געהאט דעם פארגעניגן צו עסן דארטן א פסחדיקן מאלצייט, סערווירט פאר געסט. געשמאק צוגעגרייט. א סך בעסער ווי אין די האטעלן און רעסטאראנען אין תל־אביב, צו יענער צייט.

אין קאנטראסט צו דעם שיינעם עס־זאל פון דער אפּרו־היים, איז דער עס־זאל אין קיבוץ ברענער, כמעט ווי א באַראַק: נאקעטע טישן, פשוטע הילצערנע בענק, און די זויבערקייט איז אויך ניט געווען פון דעם ערשטן סארט. קיין באזונדערן גוטן איינדרוק האט סיי דער עס־זאל און סיי דאס עסן ניט געקענט מאכן אויף די באזוכער. וואלטן מיר נישט באזוכט קיין אנדערע קיבוצים, מיט באמת פּרעכטיקע שיינע ליכטיקע קיכן, וואונדערלעכע עס־זאלן מיט די מאדערנסטע איינריכטונגען וואו אלץ האט געבלאנקט פון זויבערקייט; וואלט אפשר געבליבן ביי אונדז גאר ניט קיין געהויבענע מיינונג וועגן די באלעבאטישקייט פון די קיבוצים; אבער ווי געזאגט איז עס ניט דער דורכשניט.

מירן אויף אן אנדער פלאץ אין דער בראשור ברייגנען א ספּעציעלן קאפּיטל וועגן די קיבוצים און מושבים: זייער נעכטן און מארגן אין דער ישראל'דיקער ווירקלעכקייט.

אויפן וועג צו באר־שבע, פארפעלן מיר ניט אפּצושטעלן זיך ביי א גאר גרויסע פאבריק, וואס פּראדוצירט גרויסע צעמענטענע רערן פון 8 צאל ביז 6 פוס אין דיאמעטער. די דאזיקע פאבריק איז ארגאניזירט געווארן פון אויסלענדישע אינוועסטארס: בעלגישע, ענגלישע און פראנצויזישע קאפּיטאליסטן, האבן א קאנטראקט מיט

דער ישראל רעגירונג אויף 20 יאר צו פראדוצירן די נויטיקע רערן פאר איריגאציע. דארטן ווערן אויך געמאכט די שטאלענע פארמס, פאר די רערן, ס'איז א גוואלדיק גרויסע פאבריק, איינגעארדנט אויף דעם מאדערנסטן אופן און פארנעמט א קאלאסאלן שטח. די ארבעטער זיינען ארגאניזירט און מע ארבעט אויך אין „שיפטס". שטייסט און באטראכטס די מאנסטער מאשינען, און די שווערע פיזישע ארבעט פראדוצירט פון די ארבעטער דא, און פרעגסט זיך: זיינען דאס טאקע יידישע ארבעטער הענט, וואס טוען אט די שווערע ארבעט? — יא, דורכאויס יידישע מענטשן וואס האבן זיך גיך צוגעפאסט צו אט דער אומגעהויער שווערער ארבעט.

ווער קען עס זאגן אז יידן זיינען נאר פעאיק צו זיין מעקלער, קאמערסאנטן, פארזיכערונג אגענטן און, אין בעסטן פאל, שניידער וכדומה? זעט זיי אט די שווערע ארבעטסזאמע מענטשן ביי דער ארבעט: אין די פאבריקן, אויף די פעלדער, ביי די האפן, אויף די שאסייען וכו'. און איר וועט איבערצייגט ווערן אין דער לעכער־לעכקייט פון דער פארשפרייטער לעגענדע.

אט די וואסער רערן, וואס ווערן פאבריצירט אין דער דער־מאנטער פאבריק, האט מען אונדז דערקלערט, וועלן טראגן אין זיך דאס וואסער צום טרוקענעם נגב, מיט דער הילף פון פארשיידענע עלעקטרישע טרייב־קראפט סטאנציעס אין דער פלאנירונג.

מיר פארן פארביי דאס דארף יבנה, אדער ווי די אראבער האבן עס פריער גערופן איבנע. יבנה אן אלטע שטאט, וואס איז געווען דער פלאץ פון די סנהדרין תיכף נאך דעם חורבן בית־שני. יבנה, ווערט דערציילט, האט דאן געהאט א 200 טויזנט נפשות און איז גרייט געווען צו גיין אין קריג מיט די שונאים פון יידישן פאלק. אין איצטיקער יבנה איז פאראן א קיבוץ און אויך א ישיבה וואס ווערט, ווי דאן, אין אונדזער גאר ווייטן עבר, ארויסגעבן רבנים און יידישע געלערטע.

אויפן זעלביקן וועג געפינט זיך אויך מגדל יד און אשקלון, ביידע באקאנטע נעמען אין תנ"ך.

אשקלון איז איצט א דארף פון רומענישן יידן וואס באשעפ־טיקן זיך מיט וואקסן וויינטרויבן.

קיבוץ יד מרדכי

דער קיבוץ יד מרדכי איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1943 פונם השומר הצעיר, מערסטנס פוילישע יידן. אין יענעם קיבוץ,

אפן העכסטן פלאץ, האבן זיי אוועקגעשטעלט א גרויסן מאנומענט אין אנדענק פון דעם געפאלענעם העלד, אין קאמף מיט די נאציס, אין דער ווארשעווער געטא, מרדכי אניעליעוויטש. דער דענקמאל שטעלט מיט זיך פאר דעם קדוש מארטירער מרדכי, וועלכער האט געזאלט מיט נאך א צאל קעמפער, זיך אוועקלאזן נאך ישראל. ער האט אבער זיין חלום ניט באוויזן צו רעאליזירן. דער קיבוץ וואס טראגט זיין נאָמען, האט אים פאראייביקט און אט דעם גרויסן דענקמאל, 18 פוס די הויך, געשאפן פון דער סקולפטאר ראפא־פארט.

אין קיבוץ יד מרדכי זיינען פארגעקומען מורא׳דיקע שלאכטן מיט די עגיפטער. דער קיבוץ איז אטאקירט געווארן מיט טאנקען, שווערע ארטילעריע און עראפלאנען. אין די זעקס גרויזאמע שלאכט־טעג איז דער קיבוץ אין גאנצן צעשמעטערט געווען. פון די 100 העראאישע קעמפער זיינען 24 דערהרגעט געווארן און 40 פאר־וואונדעט. נאך דעם וואפנשטילשטאנד מיט די עגיפטער זיינען די לעבן־געבליבענע צוריק געקומען, איבערגעבויט דעם קיבוץ און באנייט די ווירטשאפט. דארטן האבן זיי דעם בית־עולם, מיט מא־נומענטן־מצבות פון די געפאלענע קדושים־מארטירער.

דאנעבן דעם אניליעוויטש מאנומענט, האבן מיר געטראפן ליגן א צעשטערטן גרויסן וואסער־טאנק. אט דער רעזערוואואר טאנק האט באזארגט דעם קיבוץ מיט וואסער און ער איז געלעגן א צע־שאסענער און צעשטערטער פון די עגיפטישע קוילן און גראנאטן.

ווען דער דאמאלסדיקער קעניג פארוק, איצט אין גלות, האט בשעתו באזוכט דעם באזיגטן קיבוץ, און איז מיט זיין סוויטע צו־געקומען צו אט דעם צעשטערטן וואסער־רעזערוואואר טאנק, האט ער זיגעריש אויסגערופן:

„איצט זיינען מיר שוין פארטיק מיט די יידן. אונדזער מלחמה מיט זיי איז שוין א געוואונענע".

וואס דער סוף איז ווייסט איר. די ישראלים האבן פארטריבן די עגיפטער און די עגיפטער האבן נאכדעם פארטריבן זייער קיניג פארוק אין גלות. געשיכטע שטייט ניט אויף איין ארט. זי שאפט זיך און בייט זיך פאר אונדזערע אויגן.

אויף אלע וועגן איבערן לאנד, סיי צו ירושלים סיי צום נגב און צום גליל העליון, באגעגנט איר, דא און דארטן, אויפגעשטעלטע מאנומענטן פון שטיין, מיט די נעמען־אויפשריפטן פון די העלדן־קדושים וואס זיינען געפאלן אין קאמף פאר ישראלס זעלבסטשטענ־דיקייט.

אויף די זעלביקע וועגן, זעט מען איצט אויך, הונדערטע נייע פונקטן, „סעטלמענטס" נייע שטיבעלעך, געבויט פון צעמענטענע ציגל, אפגעווייסט אין דרויסן און מיט רויטע קייכלענע דעכער. אין דעם גרויסן, וויטן ליידיקן שטח ארום, זעען זיי אויס, ווי קארטן־שטיבלעך אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען. דאס ווייס און רויט פון די שטיבלעך שעמערירן אנטקעגן דעם בלויען הימל און שטארק צעשטראלטער זון, פון מדינת ישראל.

אלע ווייסן וועגן דער גרויסער בוימער באפלאנצונג אין ישראל: אויף אט די אלע דערמאנטע וועגן איבערן לאנד, זעט דער דורכפארער פאר מיילן און מיילן פארפלאנצטע רייען מיט עקאליפטן און נאדל בוימער; אויך קליינע און גרעסערע וועלדער, פארפלאנצטע, דורך די מיטלען פון דעם נאציאנאל־פאנד. דא און דארטן, זעט איר תימנ׳ער און אנדערע יידן. פלאנצן די בוימער, וואסערן זיי, העלפן באוואלדיקן און באגרינען אונדזער ביז איצט פארוואר־לאזט לאנד.

באר־שבע

מיר קומען אריין אין באר־שבע, די הויפט שטאט פונם נגב. די אראבער, ווי אין די מערסטע שטעט אין ישראל, זיינען זיך אויך פון דארטן צעלאפן. די מערסטע באוואוינער פון באר־שבע זיינען, פארשטייט זיך, איצט יידן. זינט די עטאבלירונג פון מדינת ישראל איז באר־שבע אויסגעוואקסן צו א באפעלקערונג פון אן ערך 25 טויזנט נפשות.

אונדזער פאטער אברהם, ווי די לעגענדע גייט, האט דארטן געהאט זיין וואוין־ארט און, ביז היינט צו טאג, איז נאך פארבליבן א לעבעדיקער טיפער ברונעם זיינער — „אברהם אבינו׳ס ברונעם" רופט מען אים — קומען טוריסטן אנקוקן אט דעם וואונדערלעכן זכר פון די אבות. דער ברונעם איז באמת א גאנץ ברייטער און א טיפער און ווארפט איר אין אים אריין א שטיין הילכט אפ דער וואסער פליעסק, פון דער טיפעניש, ערשט מיט מינוטן שפעטער.

אין באר־שבע גייט אן א פיבערהאפטיקע טעטיקייט: א צאל געשעפטן, רעסטאראנען און האטעלן. מוניציפאלע געביידעס, א שפיטאל און א קליניק, א פאלק־שולע. אין מיטן פון דער שטאט שטייט דער גרויסער אראבישער „מאסק", וואס איז פארוואנדלט געווארן אין א מוזעאום. לעצטנס האבן מיר געלייענט אין דער יידישער פרעסע אז דער אמעריקאנער ארבעטער רינג האט שוין אוועקגעלייגט א ווינקל־שטיין פאר אן ארבעטער רינג קולטור צענטער.

באר־שבע איז א פיאנערן־שטאט, און מאכט טאקע אן איינדרוק אויף איינעם ווי אזעלכע, וואס מע זעט צומאל, ווי די אויפגעקומענע פיאנערן־שטעט אין דעם וויטן מערב פון אמעריקע. באר־שבע ציט צו זיך צו א סך יונגע מענטשן מיט אמביציע, קוראזש און ווילן; אנצוהויבן פון סאמע אנהייב, וואקסן מיט דער שטאט אין איר אנטוויקלונג און ווערן א טייל פון איר.

באר־שבע האט גרויסע אויסזיכטן צו ווערן די מעטראפאליע פון דעם פיל צוגעזאגטן פאטענציעל שפע׳דיקן נגב . . .

בני ברק און רמת־גן

בני ברק און רמת־גן זיינען צוויי שטעטלעך וואס גרענעצן זיך איינע מיט די אנדערע. אבער ביידע זיינען שטארק פארשידן אין כאראקטער און אריענטאציע. ביידע זיינען פארשטעט פון דער גרעסטער שטאט אין ישראל — תל־אביב.

בני ברק איז באוואוסט ווי א רעליגיעז שטעטל און איז טריי צו די טראדיציעס פון די בני ברק׳ער פון אונדזער אלט היסטארישער פארגאנגענהייט. דא קענט איר באגעגענען יידן אין גאס, מיט פוטערנע שטריימלען און אטלעסענע קאפאטעס; ייִנגלעך מיט לאנגע גלעקלדיקע פאה׳לעך, פרויען מיט שייטלען וכדומה: — א טיפיש פרום יידיש שטעטל, מיט רעליגיעזע דינים און אייגן שטייגער לעבן. אויך דא, אין בני ברק, ווי אין מאה־שערים אין ירושלים, איז שטארק פארווערט מחלל שבת צו זיין. ארייןפארן מיט אן אויטאמאביל אדער פערד און וואגן, וועט מען גאר שלעכט אפשניידן. ווייסט מען שוין אין ישראל, און מע מיידט אויס אזעלכעס צו טאן. מע קומט ניט אריין אום שבת אויף אזא אופן עס זאל ארויסרופן אומצופרידנקייט ביי די בני ברק׳ער. די תל־אביב׳ער און די רמת־גנ׳ער, וועלכע זיינען אין נאענטע שכנה־שאפט מיט בני ברק, זיינען געניג טאלעראנט און זוכן נישט צו דערצערענען זייערע רעליגיעז־פרומע שכנים.

הגם בני ברק איז פרום רעליגיעז, ניט וויניקער ווי די, אין מאה שערים, מאכט אבער בני ברק און די גאנצע סביבה ארום א באזונדער בעסערן איינדרוק. בעת די מאה שערים׳ניקעס געפינען זיך ווי צווישן געטא וועגט און דער גאנצער ארום מאכט אויף איינעם א זייער פאטעטישן איינדרוק: צוליב די ניט ריינלעכקייט, ענגשאפט, ארעמקייט און אפגעלאזנקייט; איז אבער בני ברק אין גאנצן דער היפוך פון מאה שערים; דא האבן מיר געפונען א מער

אנגענעמע ציוויליזירטע אויפפירונג און אטמאספערע. דאס גאנצע שטעטל איז געווען ריין אויפגערוימט, ווי א יידיש הויז ערב שבת. די הייזער און די שול בנינים זיינען כמעט נייע, די גאסן ברייטע און דאס לעבן שטילער.

אבער ניט דאס אליין בין איך אויסן.

וואס מיך האט אמשטארקסטן פאראינטערעסירט זיינען די רעליגיעזע לערן־אינסטיטוציעס, די ישיבות און יתומים־הייזער, וואס מיר האבן באזוכט, גראדע דורך א צופאל, אבער וואס מיר האבן געזען האט געמאכט אויף אונדז א זייער איבערראשנדיקן איינדרוק.

ווער איר דאך פרעגן: היתכן! ווי קום איך בכלל צו אט די רעליגיעזע אינסטיטוציעס, אז אליין בין איך גארניט פרום־רע־ליגיעז? מיין לעבנס־גורל האב איך גאר, די מערסטע יארן מיינע, פארבונדן מיט דעם יידיש וועלטלעכן סעקטאר?! און דא קומט אריין מיין דאנקבארער צופאל:

מיר האבן געהאט א שליחות איבערצוגעבן, פון א משפחה פריינט, צום רבין, פון דער בני ברק׳ער ישיבה, יוסף מ. כהנמאן. אט דער חשובער רבי קומט אפט אין די שטאטן און אויך לאס אנ־דזשעלעס כדי צו זאמלען פאר זיין ישיבה און די יתומים־הייזער. א סך פון אונדזערע יידן און אפילו רעליגיעזע יידן, גלויבן ניט כסדר, אלץ וואס די משולחים דערציילן זיי. מע גיט געלט פאר דעם אדער יענעם צוועק, פאר דער אדער יענער אינסטיטוציע און, בשעתו טוט מען א טראכט: עפעס וועט מסתמא דאך אנקומען אהינצוצו? אונדזער באגריף און השערה וועגן דעם איז ניט כסדר אזוי ווי ס׳איז אין דער אמת׳ן.

פארנדיק אהינצוצו מיט מיין שליחות צום רבין פון דער ישיבה אין בני ברק האב איך אויך אזוי א טראכט געטאן: — נו, מסתמא א ישיבה׳לע ערגעץ אדער א קליין יתומים הויז, וואס ווערט אויפגעהאלטן פון אט די נדבות אוןביישטייערונגען וואס ווערט געזאמלט אין די שטאטן. ווי אנגענעם איבערראשט מיר זיי־נען געווארן פון דעם גרויסן בוי־פראיעקט און ריזיקן פארנעם פון די צאל פרעכטיקע בנינים וואס מע האט שוין אויפגעשטעלט און מע האלט נאך אין בויען אין דער קרית הישיבה — בני־ברק.

דער זון פון דעם אלטן רבין רב יוסף כהנמאן, א לעבעדי־קער זשוואוער ענטוזיאסטישער מיטל־יאריקער ייד, מיט גוטמו־טיקע שמייכלענדיקע אויגן, האט ארויסגעוויזן אזוי פיל התלהבות פאר דעם גרויסן ווערק וואס זיי האבן אונטערנומען צו באשאפן

און באזונדערס פאר דעם וואס ס׳איז שוין אויפגעטאן געווארן; אז ער האט באמת געקענט אנצינדן דעם קאלטסטן פעסימיסט מיט באגייסטערונגען. און באמת איז טאקע געווען וואס צו זען און באוואונדערן. אט איז איין בנין פאר די יתומים. א צווייטער פאר דער ישיבה און נאך א בנין, אין פראצעס פון בויען, וואס לאס אנדזשעלעסער יידן האבן בייגעטראגן. גאר באזונדערס האט פאר־כאפט אונדזער אויג די גרויסע נייע שול פון דער ישיבה. וואס פאר א פראכט! וואס פאר א פארנעם! א שיינער גרויסער הויכער זאל, מיט לאנגע גרויסע דעקאראטיווע פענצטער, גרויסע שיינע קינסטלערישע עלעקטרישע הענג־לאמפן. (די דאזיקע וואונדער־לעכע קאנדעלאבערעס זיינען טאקע פאבריצירט געווארן אין ישראל). די הויכקייט פון סופיט און קופאל גיט דער שול, א ספעציעלע גוטע אקוסטיק. איר ווערט ממש פארכאפט פון דער רחבות׳דיקייט און שיינקייט פון דער שול. איר קענט אנדערש ניט טראכטן פון דעם ווי פון א היינטצייטיקן מאדערנעם בית המקדש.

די שול איז סיטואירט אויף א הויכן פלאץ, א פלאך בארג. און ווען מע האט אונדז ארויפגעפירט אויף דעם דאַך־גארטן פון בנין האבן מיר ערשט דערזען פאר זיך א וואונדערלעכע פאנא־ראמע פון דעם גאנצן ארום: א ברייטער פלאכער גרינער טאל, נאענטע געדיכטע פרדסים, און צעדער בוימער. דא און דארטן, נייע בנינים, און גאר פון וויטנס אין דעם ברייטן גרינעם טאל, רייען נאך רייען מיט ווייסע שטיבלעך, נייע פונקטן פון עולים און אויך פון איינגעבירגערטע אין לאנד.

דאס גאנצע בילד ביזן וויטן האריזאנט, ביי א זון פארגאנג מאכט אויף אייך א גוואלדיק שטארקן רושם אז ס׳איז שווער איבערצוגעבן אין ווארט און בילד. אזא וואונדערלעך בילד מוז דאס אויג אליין פארכאפן און אינדיווידועל פסיכיש איבערלעבן.

אפגעזען פון דער בילדלעכקייט און נאטור שיינקייט ארום, האב איך נאכדעם נאכגעטראכט, וועגן אט דעם וויכטיקן גרויסן אויפטו און פארנעם פון אט דער דערמאנטע ישיבה און יתומים אנשטאלט. אט דער הערלעכער ווינקל אין בני ברק איז באמת א באסטיאן פון יידישקייט און גלייכצייטיק א רעטונג פון די קינדער יתומים: קינדער פארוואָרלאזטע, האלב ווילדע, דעגענע־רירטע, וואס מע האט צוזאמענגענומען פון פארשיידענע אראבישע לענדער און, דארטן ווערן זיי רעהאביליטירט און דערצויגן אין די וועגן פון מידת טובות און יידישקייט. וואס איינער זאל ניט דענקען פון רעליגיעזע אדער יידישע וועלטלעכע דערציאונג; די

קינדער וואס לערנען זיך דארטן אין דער ישיבה, וועלן בלייבן גאנצן יידן, מחמת אין דער פרייער אטמאספערע פון יידישקייט אין ישראל, אן שטערונגען און איינפלוסן פון א דרויסנדיקער פרעמדער קולטור, נעמען זיי מיט זיך מיט אלץ, וואס זיי האבן אין זיך איינגעזאפט: די לימודים, די מנהגים, די טראדיציעס, אויף דעם ווייטערן וועג פון זייער לעבן.

א צאל פון די תלמידים ווערן נאכדעם לערער, אנדערע אנ־געשטעלטע אין „אפיסעס" און אנדערע פאך־לייט אדער אין קיבוצים.

אייניקע פון זיי, באזונדערס די אן עלטערן, באטראכטן די ישיבה ווי זייער היים אפילו נאכדעם ווי זיי גייען שוין אריין אין יאך פון טאג טעגלעכן לעבן.

עס קומט באמת גרויס אנערקענונג די מזרחי און די פירער פון דער ישיבה, מיט דעם רבין רב יוסף כהנמאן בראש, פאר דער אנפירונג מיט אזא וואונדערלעכער דערציאונגס אינסטיטו־ציע און יתומים הויז. מיר האבן פארלאזן בני ברק מיט די אנגע־נעמסטע געפילן און פריידיקע איינדרוקן.

רמת־גן

רמת־גן (גארטן שטאט) איז ווי געזאגט, א שפאן פון בני ברק און איז אין גאנצן אנדערש אין איר אויפפירונג און האלטונג. רמת־גן איז וועלטלעך, מאדערן און, ניי אין איר געבוי און אויס־שטאטונג: שיינע מאדערנע אפארטמענט הייזער, ברייטע גאסן, פיינע געשעפטן און פאסאדן, גרויסע פילם־הייזער, א צירק קא־ליסייאום, וואס נעמט אריין אן ערך עטלעכע און דרייסיק טויזנט מענטשן, און אנדערע גרויסע בנינים און אינסטיטוציעס וואס זיינען אין פראצעס פון בויאונג.

רמת־גן האט איצט אן ערך 60 טויזנט איינוואוינער, מיט אן אייגענער מוניציפאליטעט און אן אייגענעם מעיאר. מיט עט־לעכע יאר צוריק איז רמת־גן געווען א קליין שטעטל, זינט די עטאבלירונג פון דער מדינה, האט זיך אנגעהויבן בויען די שטאט מיט א גרעסערער טעמפא און אויף אלע געביטן. די בנינים זיי־נען, מערסטנס, געבויט פון בעטאן און שטיינער, מיט א פיינעם מאדערנעם סטיל און מיט די לעצטע איינריכטונגען און באקוועמ־לעכקייטן. ס'זיינען אויך פאראן א ניט קליינע צאל שיינע רע־זידענץ־גאסן, מיט פיינע באלעבאטישע הייזער ארומגעצוימטע, מיט אייזערנע שטאכעטן, גערטנדלעך און בלומען. דארטן וואו־

נען שוין מערער פארמעגלעכערע, מערסטנס אנגלאזאקסישע יידן. קבצנים, פארשטייט זיך, קענען זיך אזעלכע לוקסוס וואוינונגען ניט דערלויבן. די מערסטע גאסן זיינען באבוימערט אין רייען, פארויס די הייזער.

דער ראש פון רמת־גן, מעיאר אברהם קריניצקי איז זייער אן אקטיווער מענטש מיט א סך וויזיע. ער האט באזארגט די שטאט מיט 17 פארקן. אין איינעם פון די פארקן, וואס געפינט זיך אויפן העכסטן פלאץ אין שטאָט, האבן מיר פון דארטן אראפ־געקוקט אויף דער וואונדערלעכער פאנאראמע, פון דעם גרינעם ברייטן טאל; די מעטראפאליע תל־אביב, דעם טייך ירקון, וואס איז ביים ברעג פון רמת־גן און דער אויסבליק ביז צום שפיגל פון ים.

רמת־גן האט אויך א צאל פאבריקן פון קלענערע און גרע־סערע אינדוסטריען און די מערסטע בוי פראיעקטן ווערן אד־מיניסטרירט פון סולל בונה, ביי דער הסתדרות. אויך פריוואטע קאנטראקטינג קאמפאניעס, בויען גרויסע אפארטמענט הייזער פון 5־4־3 צימערן, וואס ווערן פארקויפט צו בעלנים וועלכע קענען זיך דערלויבן אן איינצאל פון 25 הונדערט ביז 5 טויזנט פונט, דאס איבריקע אויסצוצאלן מיט דירה געלט. און בעלנים זיינען דוקא פאראן א סך, מחמת דער דוחק אין וואוינונגען איז זייער גרויס. רמת־גן ווערט מערסטנס באזעצט פון א פארמעגלעכערן שיכט: פראפעסיאנאלן, שטאט־באאמטע, בכלל פון מענטשן מיט א מער |ווינציקער זיכערערע און גרעסערע הכנסה. רמת־גן, ווערט באטראכט ווי די שטאט פון דער אינטעליגענציע און בכלל ווי א שטאט פון קולטור און וויסנשאפט.

חולין

שטעט און דערפער אין ישראל, וואקסן דא אויף ווי שוואמען נאך א רעגן. חולין איז א שטעטל נעבן תל־אביב און איז פון יאר 1945 מיט א באפעלקערונג דאן פון בלויז 6 טויזנט, אויס־געוואקסן צו 45 טויזנט נפשות. ס'איז אן ארבעטער קאאפעראַ־טיווע שטאט. א צאל ארבעטן אין תל־אביב אבער די מערסטע זיינען באשעפטיקט אין דער אייגענער אינדוסטרי און קאאפע־ראטיוון. אין דעם זעלביקן חולין, האט די „אינטערנעשאנאל" אויפגעבויט א גרויסן בנין, וואו עס הויזן א צאל קליינע הסתדרות קאאפערטיוון; פון פארשיידענע פאכן: א קאאפעראטיוו וואס פאב־

ריצירט טירן און פענצטער, א שוסטעריי, אן איינבינדעריי, קלייד־לעך א. א. פאראן דארטן א הייזער פראיעקט פון הסתדרות ארבעטער פאמיליעס, אויף לאנג טערמיניקע אויסצאלונגען. אויך פריוואטע, 1 פאמיליקע שטיבער, מיט גערטנדלעך און בלומען, ארום.

א שיינער פיינער אויפטו איז די טאג „נוירסערי" פון קינ־דער, פון 9 חדשים ביז 6 יאר אלט, אויך אדמיניסטרירט פון דער הסתדרות. קאמפעטענטע דערציערינס געבן אכטונג אויף אלץ און דער בנין איז פרעכטיק שיין און אין בעסטן סדר און ארדנונג געהאלטן. דאנעבן איז פארפלאנצט געווארן א פרעכטיק שיינער פארק, „גן הערצל". דער פארק איז נאך גאר א יונגער, 6 יאר אלט און בוימער זיינען אריבערגעבראכט געווארן אהינ־צוצו, פון פארשיידענע לענדער.

כ׳וואלט, פארשטייט זיך, געקענט מער דערציילן וועגן דער הסתדרות און אירע אינסטיטוציעס, ווי: קופת חולים, סולל בונה, בית־אבות און צענדליקע אנדערע מאטעריעלע און קולטורעלע אנשטלטן. איז שוין אבער וועגן דעם ענין זייער א סך גערעדט און געשריבן געווארן. דער פאראינטערעסירטער לייענער קען זייער גרינג, אינפארמאטיוו, באקאנט ווערן מיט דעם ענין. מיין ווידערהאלונג וועגן דעם ענין איז, לכן, כמעט ווי איבריק. כ׳וועל דעריבער אין די ווייטערע קאפיטלען, זיך מערער אפגעבן מיט א צאל שטעט און דערפער אין ישראל וואס כ׳האב באזוכט, און וואס זיינען, ביז איצט, ווייניקער דערמאנט געווארן, פון די שריי־בער און רעדנער.

אויפן וועג צום גליל־העליון

דער וועג צו ירושלים אדער באר־שבע, וואס כ׳האב דער־מאנט אין די פריערדיקע קאפיטלען איז אמת טאקע שיין; די ברייטע טאלן, די בערג פון יהודה אין אויסבליק א. א. וו. אבער גאר באזונדערס, שיין פרוכטבאר לאנד, ברייטע ווייטע טאלן, אויך וואסער, איז פאראן א סך מערער אין דעם צפונדיקן טייל פון ישראל. אויף די וועגן צו חיפה, צום כנרת און גליל־העליון, זיינען צעווארפן די מערסטע קיבוצים, מושבים און די רייכע איינגעפונדעוועטע „סעטלמענטס".

די תל־אביבער און אנדערע ארום, וועלן אייך זאגן: — „אויב איר האט נאך ניט געזען דעם צפונדיקן טייל פון ישראל האט איר ישראל ניט געזען". און, גערעכט זיינען די וואס זאגן

עס. חוץ לזה, זיינען דארטן אויך פאראן א צאל אינטערעסאנטע אינסטיטוציעס און אינדוסטריעס, וואס איז ווערט צו זען. מיר האבן לכן, גענומען א לענגערן טור וואס האט אונדז דירעקט גע־פירט צו אט די דערמאנטע שטעט און דערפער.

ביים ערשטן ארויספאר צום צפון, האבן מיר זיך אפגעשטעלט אין הרצליה. דערביי איז פאראן א „פילקא" ראדיא פאבריק, די זעלביקע פילקא קארפאראציע איז אין שותפות מיט אן ארבע־טער קאאפעראטיוו, פון דער הסתדרות, וואס פאבריצירט אייז קאסטנס, „רעפרידזשערייטארס". וועגן אט דעם ארבעטער קא־אפעראטיוו איז ווערט צו דערציילן וועגן זיין אנהויב און אנטוויקלונג:

אין 1933 האט א קליינע גרופע פון 15 ארבעטער סטאליא־רעס געשאפן א קאאפעראטיוו צו פאבריצירן „קעסטלעך פאר ציטרוסן". און פון אט דער קליינער פאבריקל איז נאכדעם אויס־געוואקסן איינע פון די גרעסטע „אויטא־באס" פאבריקן. אין פאר־בינדונג מיט דער פאבריק, איז דער קאאפעראטיוו אריין אין שות־פות מיט דער „פילקא רעפרידזשערייטאר קאמפ." און מע פרא־דוצירט דארטן אויך א קאמפלעטן אייז קאסטן, וואס ווערט עקס־פארטירט אין אייראפע און אין די שטעט פון דעם אריענט. די פאבריק גייט אונטערן נאמען „אמקור". דא זעען מיר פאר זיך א מוסטער, וואו קאפיטאל און ארבעט האבן געפונען א וועג פון פאראייניקונג . . .

כפר בתיה

אין כפר בתיה, האבן מיר זיך אפגעשטעלט זען א וואונדער־לעכע יתומים אינסטיטוציע, וואס די מזרחי האט אויפגעבויט. דארטן ווערן אויסגעהאלטן איבער 300 קינדער, פון 6 ביז 17 יאר. ס׳איז אן אויסערגעוויינלעך קאנסטרוקטיווער פראיעקט: א גאר גרויסער שטח לאנד מיט כלערליי נייע מאדערנע בנינים; א גרויסע שול, וואו ס׳ווערט געלערנט מיט די קינדער העברעאיש און ענגליש און אויך א שול פאר כלערליי פאכן: ווי וועבעריי פון טליתים און טעפעכער, שוסטעריי, סטאלעריי, שלאסעריי און אנ־דערע פאכן. אן אגריקולטור שולע, פעלד ארבעט, ארטיקולטור, פרוכט און גרינסן. עופות־צוכט איינריכטונג אויפן מאדערנסטן אופן. די קינדער ווערן געלערנט ביי פאכלייט און, ווען זיי דער־גרייכן די עלטער פון 18 יאר, גייען זיי ארויס אין דער וועלט ווי פולשטענדיקע דערפארענע פאכלייט און אויך געלערנטע, וועל־

כע געפינען זייער פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט. אויך קומען זיי ארויס פון דאָרטן גוטע באוואוסטזיניקע יידן, צוליב דער סביבה און אטמאספערע אין וועלכע זיי געפינען זיך, די מערסטע יארן פון זייער יוגנט און זאפּן אין זיך אריין א גרויסע סכום פון גע־לערנזאמקייט.

כפר בתיה מאכט אויף אלעמען א גאר גוטן איינדרוק, צוליב דער צוועקמעסיקייט און חשיבות פון דעם פּראיעקט און זיין פאר־מעסט און רחבות׳דיקייט.

דער דאזיקער פיינער קינדער־אנשטאלט איז ערשט אלט 5 יאר און האלט נאך אין וואקסן. מיר זיינען אוועק פון כפר בתיה, מיט א ווארעם געפיל און דרך ארץ פאר די מזרחי עסקנים, וואס האבן באוויזן אויפצובויען אזא נוצלעכע און שעפערישע אינ־סטיטוציע פאר קינדער — די צוקונפטיקע בויער און שאפער פון מדינת ישראל.

ניט ווייט פון דאָרטן האט די מלוכה באזעצט א גאנץ באַ־דייטנדיקע צאל וועטעראנען, פון דער לעצטער מלחמה מיט די אראבער. מע האט אויסגעבויט א טראקט מיט נייע הייזער, וואס ווערט געגעבן צו יעדן אפּגעדינטן אין דער ארמיי, מיט א מיני־מאלן איינצאל, ווי ביי אונדז צו די דזשי אייס, און לייכטע אויס־צאלונגען. ארום די דאזיקע הייזער איז אויך פאראן א שטיקל לאנד פאר א היים־גארטן צו באארבעטן. און די מערסטע פון די באַ־וואוינער זיינען דא באשעפטיקט אין דער אינדוסטרי ארום.

אין תל מן, וואס איז דאנעבן איז אויך פאראן, איינע פון די 57 פּאליציי בנינים וואס די ענגלענדער האבן איבערגעלאזט, וואס כ׳האב שוין דערמאנט. אבער אין דעם פּאליציי בנין איז אויך פאראן אן אפּטיילונג פאר א תפיסה. יא, א תפיסה אין ישראל! אויך ישראל האט, לעצטנס, אזא זאך געמוזט פארגרייטן. א צאל פון די אלטע תושבים באקלאגן זיך טאקע, און בענקען נאסטאל־גיש, נאך יענער צייט, ווען קיין תפיסות זיינען דא ניט געווען, און קיין טיר פון הויז האט מען אויך ניט געדארפט האלטן פאר־שלאסן. בענקען זיי טאקע די ותיקים נאך יענער צייט; „צו וואס מיר האבן זיך דערלעבט״, באדויערן זיי. אנדערע אבער זאגן, כמעט טריאומפירנדיק מיר זיינען בארעכטיקט צו האבן אונדזער סכום פארברעכער, ווי אנדערע פעלקער האבן; אויב מיר ווילן זיין א מלוכה מיט מלוכות צוגלייך, דארפן מיר אויך האבן תפיסות און אלע אנדערע אטריבוטן, וואס גייט מיט מלוכה׳שאפט.

נתניה

נתניה איז גאר באזונדער שיין. זי שטייט הויך איבער דעם ברעג פון דעם מיטללענדישן ים. די שטאט איז זייער שיין פלא־נירט: אין צענטער פון שטאט זיינען די געשעפטן. א ברייטער ראג „סקווער". אין מיטן פון סקווער ברייטע בייטן מיט בלומען; און די שטאט בכלל איז געדיכט באוואקסן מיט בוימער. נתניה׳ס מעיאר בן־עמי איז א ייד מיט א סך אמביציע און שטרעבט צו מאכן זיין שטאט, פאר דער צוקונפטיקע תל־אביב. נתניה ציילט שוין איצט קרוב צו 35 טויזנט נפשות, איז לעבעדיק באוועגלעך און אויפן ערשטן אויגנבליק, מאכט זי אויף אן אמעריקאנער, אן איינדרוק ווי א שפע׳דיקע „מיד־וועסטערן" שטאט אין אמעריקע.

אויפן וועג האבן מיר זיך אפגעשטעלט אין א בית־חלוצות. א נייער בנין ערשט אויפגעבויט געווארן אין יאר 1951. די אינ־סטיטוציע איז אויפגעשטעלט געווארן ביי דער פרויען ליג פאר ישראל אין ניו יאָרק. די מיידלעך וואס וואוינען אין דעם בית־חלוצות, זיינען מערסטנס אריבערגענומען געווארן פון רומעניע, אונגארן און אנדערע סלאווישע לענדער, וועלכע זיינען געבליבן אָן עלטערן, נאך דעם חורבן, וואס דער היטלעריזם האט געבראכט.

אין בית חלוצות לעבן זיי, ארבעטן ביי פארשיידענע פאכן, ווי קליידלעך, קינדערשע מלבושימלעך, איינבינדעריי און אנדערע זאכן, ווערן נאכדעם פארקויפט איבערן לאנד. אין דער איינביני־דעריי האבן זיי אונדז געוויזן אן אינטערעסאנטן אלבום פון כל־ערליי פאסט מארקעס, זינט ישראל איז געווארן א זעלבסטשטענ־דיקע מדינה. דער אלבום איז פארפערטיקט געווארן צום יום העצמאות פון דעם 5טן יאר פון אייגענער מלוכהשאפט.

דער פלאץ ווערט אויפגעהאלטן ריין און זויבער מיט דער כאראקטעריסטישער דייטשישער ארדנונג. מחמת די הויפט פאר־וואלטערן פון דעם בית חלוצות איז א יידיש־דייטשישע פרוי, און ס׳לאזט זיך פילן די דייטשישע שטייגערישקייט. אין איינעם פון די גרעסערע זאלן דארטן האבן מיר אויך געזען א גאר פיינע קונסט אויסשטעלונג פון צייכענונגען און מאלערייען. פארטרעטן פון יידישע פערזענלעכקייטן און אויך ישראל פייסאזשן און מא־טיוון. די סביבה און די אטמאספערע אין דעם פלאץ איז א רעס־פעקטפולע, און איר פילט אז אלץ ווערט דא געפירט פון א פע־איקער האנט מיט א חוש פאר שיינקייט און געשמאק.

הדרה

מיר האבן זיך נאכדעם אפּגעשטעלט אין הדרה. דאס איז אן אלטער „סעטלמענט" וואס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין יאר 1892. ארום הדרה איז נאך געבליבן א צאל אראבער, אייניקע פון זיי ארבעטן אין דער דארטיקער אינדוסטרי, און אייניקע באאר־בעטן דארטן זייער אייגן שטיקל באדן. איר זעט זיי ארום דעם שטיקל ערד זייערס ווי זיי ארבעטן מיט די פּרימיטיווסטע מיטלען: דא און דארטן, זעט איר איינגעשאפּאנט אן אקס מיט אן אייזעלע צו א הילצערנעם אקער־אייזן, געפירט פון אן אראבער אדער אראבערן. איר באמערקט אויך אז די פרויען ביי זיי טוען די שווערערע ארבעט. אויפן וועג באגעגנט איר, ווי די פרויען טראגן אויף זייערע קעפּ א שווערן פּאק מיט אנגעהאקטע דרעגגלעך האלץ, בעת דער מאנסביל ביי איר זייט, טראגט די לייכטערע משא. דער פּארמעגלעכער אראבער, וואס קען זיך דערלויבן צו קויפן א פּאר עקסטרע ווייבער, האט נאטירלעך מער הילף פאר זיין באלעבא־טישקייט. ס׳איז זייער כאראקטעריסטיש פאר זייער מנהג און שטייגער לעבן.

חיפה

מיר דערנעענטערן זיך צו חיפה. אויך דא, ניט ווייט פון שטאט, זעען מיר א סך נייע פונקטן, מיט וואוינונגען, וואס די יידישע אגענטור האט דורך אירע פינאנציעלע מיטלען אריבערגע־בראכט סעטלערס, און דער נאציאנאל פאנד האט צוגעשטעלט דעם באדן. אויך געפינט זיך ארום חיפה, דער גרעסטער מעברה־צענ־טער פון וואנען די ניי־אריבערגעקומענע ווערן רעסטאווירט און צעשיקט אין אנדערע פלעצער.

אויף די פעלדער און ביי די פוס־בערגלעך, באגעגנט איר א סך שאף זיך פיטערן, און איר זעט פאר זיך דאָס באקאנטע בילד, א פאסטוכל מיט א פייפל און א הונט ביי דערזייט, באגלייטנדיק די סטאדע שאף.

רעגנס זיינען דעם זמן געווען אין ישראל מער ווי כסדר, זיינען די בערג און די טאלן שטארק און גערדיכט באגרינט גע־ווארן, א סך פאשע פאר די לעבעדיקע באשעפענישן.

די מערסטע טוריסטן האבן דערוואַרט דא, אפילו פסח צייט גרויסע היצן אדער די באוואוסטע כאמסינען. ס׳איז אבער געווען

נאך אלץ רעגנדיק, און אין צפון, אפילו היפש קאלטלעך. די ישראלים זיינען געוועןן מער ווי צופרידן פון דעם קילן וועטער. זיי האבן געצווג הייסע טעג און לאנגע וואכן פון היצן. א קילער טאג פאר זיי איז א גאט־געשאנק.

און אט זיינען מיר שוין ביי די טויערן פון חיפה. די צווייטע גרעסטע און פראדוקטיווסטע שטאט אין ישראל צוליב איר גרויסן האפן און וואקסנדע אינדוסטריע. גלייך ביים אריינפאר דערזעט איר שוין צייכנס פון א וויבערירנדיקע אינדוסטריעלע שטאט.

חיפה האט איצט איבער 160 טויזנט נפשות און, דער ראש פון חיפה, אבא חושי איז, אן אינטערעסאנטע, ענערגישע פערזענלעכקייט. ער זוכט צו פאראינטערעסירן אינוועסטירער אין דער אינדוסטרי און, ס׳געלינגט אים אויך דאס צו דערגרייכן: ארום 75 פראצענט פון ישראל׳ס אינדוסטרי געפינט זיך שוין איצט אין חיפה. דער חיפה׳ר האפן האט, נאטירלעך, דעם פארצוג, צוליב ביליקן טראנספארט פון רויע און אויסגעארבעטע פראדוקטן.

דער צענטער פון שטאט, וואו די מערסטע געשעפטן געפינען זיך איז, אמת ניט אזוי גרויס ווי תל־אביב, אבער גאנץ לעבעדיק און באוועגלעך. די שטאט אין איר אויסבליק און געבוי איז א סך ענלעך צו סאן פראנציסקא, ביים פאסיפיק: זי איז בערגיק און ליגט צופוסנס דעם מיטללענדישן ים. א נייע רעזידענץ שטאט מיט פרעכטיקע האטעלן און וואוינונגען, וועלכע טורעמען אויף די בערג, אויף דעם הר הכרמל, מיט א וואונדערלעכן אויסבליק צום ים, און אריבער די גרענעצן פון ישראל. אויך תל־אביב האט דעם ברעג פון ים, אבער תל־אביב איז געבויט אויף פלאך לאנד און, נאר די האטעלן וואס זיינען סיטואירט ביים ברעג פון ים, ווי אויף דער ירקון גאס און ארום, קענען זען דעם ים אויסבליק, און דעם האריזאנט מיט א טיף מאראנצן־קאליר־הימל ביי א זון־פארגאנג. די חיפה׳ר אויף די בערג, זעען כסדר דעם זילבער שעמערירנדיקן שפיגל אין זון־ליכט פון ים. און, ביינאכט . . . ווי אונדזער דוד פינסקי האט זיך טרעפלעך און פאעטיש אויסגעדריקט — „ליגן די שטערן אויפן ים" . . . באמת א געטלעכע פאנאראמע!

אויף דעם הר הכרמל, וואוינט אונדזער בארימטער שריפטשטעלער, דוד פינסקי. יידישע טוריסטן וואס קאנען פינסקי, נאך פון אמעריקע, קומען אים באזוכן. מיר האבן פארבראכט א פאר שעה ביי אים אין הויז, און געשמועסט וועגן ישראל, אמעריקע און לאס אנגעלעס. ביים געזעגענען זיך זאגט ער אונדז אן: „גיט

איבער א גרוס די יידן אין אמעריקע אז כ׳פיל זיך דא זייער גוט, און כ׳בין צופרידן וואס עס האט זיך אויסגעלאזט אזוי, און בין ניט געבליבן אין לאס אנגעלעס, רעדאקטירן אייער דאן פלאנירטע טאג צייטונג. כ׳בין טאקע נאכדעם תיכף געפארן נאך ישראל און כ׳בין דא גליקלעך און צופרידן. דאס לאנד וואקסט, אנטוויקלט זיך און וועט זיך צעבליען, טראץ די פארלוימדונגען און צעדרייטע האלבע אמת׳ן פון אייניקע טינטלער און שונאים פון לאנד״.

ביים ארויסבאגלייטן זאגט ער אונדז: — „גריסט מיין ליבן חבר און חשובן דיכטער ה. רויזענבלאט אין לאס אנגעלעס. און, פארפעלט ניט צו זיין, נאך היינט אוונט, אויף דעם פאנאראמא בארג״.

אונדזער „שאפער״ האט אונדז ארויפגעפירט אויף דעם פא־נאראמא בארג, ביים הר הכרמל און, באמת איז געווען גערעכט דוד פינסקי, ווען ער האט אונדז געזאגט „איר וועט זען ווי די שטערן זיינען אויפן ים״. יא, פינקלדיקע שטערן האבן שימערירנ־דיק געטוקט זיך אויף דעם פלאך פון טונקעלן ים. אן אויסערגע־וויינלעך שיין־פאנטאסטיש בילד, וואס לאזט זיך ניט פארגעסן.

דגניה „א״

דערמאנט מען דגניה, טראכט מען אויך וועגן דעם פאטער פון דעם קיבוץ אהרן דוד גארדאן. א אידעאליסט אין דעם שענסטן זין פון ווארט, האט ער פארערלעכט ארבעט בכלל און ערד ארבעט בפרט. ער איז געקומען אין ארץ ישראל אין יאר 1903 און אין יאר 1911 האט ער מיט א קליינער גרופע חברים געגרינדעט דעם קיבוץ דגניה „א״, וועלכע איז אין עטלעכע יאר אויסגעוואקסן אזוי גרויס, אז אין דעם יאר 1920 האט א טייל פון דעם קיבוץ, זיך אפגעריסן פון דגניה „א״ און געגרינדעט דגניה „ב״ ווי א קבוצה.

דער קיבוץ דגניה „א״ איז באמת אן איינגעפונדעוועטער און א פראדוקטיוו שעפערישער. דער פלאץ איז געדיכט באוואקסן מיט כלערליי ביימער, שיינע אלייען פירן צו די פארשיידענע בנינים. דער קיבוץ בויט זיינע אייגענער הייזער, האט א גרויסע מילך־ווירטשאפט. א 200 געקליבענע קיה, הויזן אין פאסיקע גרויסע שטאלן און ווערן געמאלקן מיט עלעקטרישע אפאראטן. חוץ די וויכטיקע דערציאונגס און קולטור אנשטאלטן, האט דגניה א אינ־טערעסאנטן מוזעאום, וואס טראגט דעם נאמען פון דעם פאטער פון קיבוץ אהרן דוד גארדאן. דער מוזעאום ענטהאלט די שאפונ־גען פון גארדאנס ווערק און א גרויסע באטאנישע קאלעקציע. אגב

ווערט דערציילט אז, ווען מרס. רוזוועלט איז געווען אויף באזוך אין דעם מוזעאום אין דגניה, האט זי אויף אזוי פיל אפגעשאצט זיין ווערט אז זי האט נאכדעם פון אמעריקע צוגעשיקט 500 דאלאר, ווי א מתנה צום מוזעאום. אן אינטערעסאנטער מאמענט פון קאמף און מסירות נפש איז ווערט צו דערמאנען, וועגן דעם עפיזאד אין דגניה „א" אין צייט פון דער מלחמה מיט די אראבער אין 1948.

שוין ביים סאמע ערשטן ארייגפאר צו דגניה „א" דערזעט איר פאר זיך א זאך וואס דערמאנט אייך תיכף אין די בלוטיקע מלחמה טעג מיט די אראבער. די סירישע אראבער האבן געפרובירט אריינ־רייסן זיך אין דעם קיבוץ, מיט מיליטערישע טאנקען. דגניה האט געגעבן א שטארקן ווידערשטאנד: א פאר קיבוצניקעס האבן איינ־געשטעלט זייער לעבן, און זיינע אנטקעגן געקומען דעם אָנקו־מענדיקן טאנק און אים באווארפן מיט „מאלאטאוו פלעשלעך", דערביי איז אנגעגאנגען אזא שיסעריי און קלאפעריי אז די „בראווע" סיריער האבן אפגעצויגן, איבערלאזנדיק א צעשמעטערטן טאנק ביים סאמע ארייגפאר. דער „טאנק" שטייט דארטן עד היום, ווי א זכר, פון דעם נצחון איבער דעם שונא.

טבריה ביים כנרת

פאראלעל מיט דעם רואיקן פארחלומטן ים כנרת, ליגן א צאל שפע׳דיקע קיבוצים און מושבים. דאס שטעטל טבריה איז א צענטער, וואלט איך געזאגט, פאר די ארום ליגנדיקע „סעטלמענטס". טבריה איז באוואוסט, פאר אירע הייסע מינעראלע בעדער, צו וועלכע, ניט נאר א צאל טוריסטן כאפן זיך אראפ אהינצוצו, נאר א סך, גאר א סך תל־אביבער, חיפה׳ר און פון אנדערע גרעסערע שטעט, וואס דארפן אן אפרו פון זייער טאג־טעגלעכער אנשטריינגונג, קומען קיין טבריה פאר אן אפרו אדער „פאפראווען" ס׳ביסל געזונט.

טבריה ווי דער כנרת איז שטיל און באצויבערנדיק. דער גאנ־צער שטח ארום דעם כנרת איז, באהויכט מיט א מין אידילישע פארחלומטקייט, וואס רופט ארויס ביי איינעם א מין רעליגיעז געפיל, א געפיל פאר געטלעכער שיינקייט.

כ׳האב געטראכט, אין דעם מאמענט ארומפארנדיק פאזע דעם ברעג פון כנרת, פון דעם וואונדערלעך ליד „ואולי הדברים לא היו מעולם" פון רחל. און, די אזוי ערלעך צוגעפאסטע מוזיק צום ליד פון טשערטאק.

כ׳האב שטיל ארויסגעפליסטערט, אונטערברומענדיק א פאר שטילע פערזן פון דעם ליד:

„ס׳קען דאך זיין ס׳איז א חלום געווען
„פון כנרת פון מיין
„דו כנרת דו מיין
„האב איך דיך נאר אין חלום געזען?״

(די יידישע איבערזעצונג געהערט צום פרי פארשטארבענעם דיכטער ה. גאלדאווסקי).

יעדעס מאל ווען דאס כנרת ליד פלעגט געזונגען ווערן, האב איך מיר פארגעשטעלט אין מיין דמיון אט דעם שטילן פאר־חלומטן ים כנרת און א נשמה׳דיקע בענקשאפט פלעגט עס ביי מיר ארויסרופן. און איצט, כנרת, זיצן מיר ביים ברעג פון דיינע וואסערן, באהויכטע שטימונגספולע פון דיין צויבער ליד.

אט זעסטו, דא און דארטן, יידישע פישער יונגען אויף שיפ־לעך און קליינע בארזשעס, פארווארפן זייערע פיש נעצן אין דעם כנרת. און טרעפסט אויך אין דעם געגנט, ווי די קיבוצים דפני און דן וואס זיינען שותפים אין אן אונטערנעמונג פון קינסטלע־רישע פישערייען; און ס׳פרייט דיר דיין הארץ פון דער יידישער צופאסונג צו נאטור און באשעפטיקונג, וואס איז ביז איצט פרעמד געווען דעם יידישן מענטשן. (פאר אינפארמאציע וועגן איז ווערט דא צו דערמאנען אז, דער כנסת פאלט אריין אין ירדן און איז 12 מייל לאנג, 6 מייל ברייט און 800 פוס נידריקער פון ים־פלאך. דאס וואסער איז זיס און האט א סך פיש).

ווי א רויז אין דער מדבר

נעבן טבריה פארפארן מיר צו אן אלט־היסטארישן שול־הויף. דארטן זענען דא צוויי אלטע שולן, איינע איבער די אנדערע. אויבן אן אכשנזישע שול, אונטן א ספרדישע. דער שמש פון דער ספרדי־שער שול האט שוין געווארט אויף אונדז, ביי די טרעפ און פאר־בעטן אונדז אריינצוקומען. דער שמש פירט איך ארום איבער דער שול, ווייזט אייך קודם כל אן אז דא, איז געווען ר׳ מאיר בעל נס׳ ישיבה, מיט א 18 הונדערט יאר צוריק; און דא טאקע — פירט ער אונדז צו — איז זיין קבר. און אויך דער קבר פון מיימונידעס.

נאכדעם פירט ער אונדז אריין אין א באזונדער שטיבל, א שולכל, עפנט אויף פאר אייך א גאר אלטן ארון קודש, הייסט אייך א קוש טאן דאס מענטעלע פון דער ספר תורה און מורמלט אפ אויף גיך, אונטערן נאז, אן אומפארשטענדלעכן מאמר און פרעגט מיך. „מה שמך?״ כ׳ענטפער אים: יצחק בן אלחנן. ער פרעפלט

ווידער אפּ אונטערן נאז א פּסוק און שטרעקט אויס צו מיר זיין האנט: — כ׳האב אים פאַרשטייט זיך אריינגעלייגט אין זיין האנט א מטבע. אט די פּראָצעדור איז פון דעם שמש דורכגעפירט געווארן אין א היפּשער איילעניש, משמעות זעענדיק נייע „קונדן״ אריינ־קומען . . .

ארויסקומענדיק פון דער שול, האבן מיר באטראכט דעם הויף; ווי אן אלטער שלאס, און ארום דעם שלאס־בנין, א ריי מיט טירן, וואס פירן צו וואוינונגען. ביי די טירן, דא און דארטן, א פּאָר פרויען, אנגעפּעטעטע מיט קליידלעך אויף זיך. מיט טיכלעך אויפן קאָפּ, די הלבשה זייערע האט זיי געמאכט אויסזען א סך עלטער, אפשר, ווי זיי זיינען געווען אין דער אמת׳ן. אן איבערראשנדיקן קאנטראסט צו אט די פארעלטערטע פרויען, האב איך פּלוצים דערזען ביי איינע פון די טירן א יונג־פרוי, שטיין, מיט א ליכטיק, ציכטיק קלייד אנגעטאן, אויך מיט א באזונדער שיין ברוינעם גלאט פארקאמטן קאָפּ האר, א ליכטיק שיינענדיק שיין־פּנים מיט א פּאָר חן־גריבלעך; און, א מיטל־וואוקסיקע שיין געפורמטע גע־שטאלט, וועמעס קאנטורן האט בולט געריסן דיינע אויגן, נאר צום באוואונדערן.

לכתחילה האט זיך מיר געדוכט, אפשר איז זי גאר נישט א דאָאיקע, אפשר גאר א טוריסטין? אבער ניין, זי איז דאך א היגע: אט איז זי אויף א מאמענט אריין אין דער טיר, נעבן וועלכע זי איז געשטאנען און איז נאכדעם ווידער ארויסגעקומען און געשטעלט זיך אויף דעם פריערדיקן ארט, און מיט נאסטאלגיש בענקענדיקע אויגן; ווי זיי וואלטן געזאגט: — איר וואונדערט זיך ווי קום איך אהער, אין אט דער פארווארפענער איינגער נים עסטעטישער סביבה? . . .

האב איך מיך טאקע געוואונדערט, ווי קומט זי אהער, אט די בליענדיקע רויז, צווישן אט די אלטע אפגעלאזענע מענטשן אין אט דעם, פון דער וועלט פארווארפענעם ווינקל? גיכער וואלט זי זיך אריינגעפּאסט אין א מער ראפינירטערע סביבה. „האלי־וואוד״ וואלט אזא שענהייט געעריק אפּגעשאצט און אפשר אויך איר ארויסגערוקט אין פאדערגרונט פאר דער וועלט!? איז עס אן איינביידעניש מיינע, א פאנטאזיע? ניין, כ׳האב מיינע אויגן נים געקענט אפּרייסן פון אט דער יונג־בליענדיקער שענהייט. אפשר, ווייל דער קאנטראסט איז געווען אזא שארפער? — בליי־ענדיקע יוגנטלעכקייט, ווערזוס — פאַרוועלקטע אלטקייט! צווישן רעמנאנטן פון א פארגאנגענעם יארהונדערט!?

כ׳האב פארלאזן דעם פלאץ מיט אט דער שענהייט ביי איר טיר, און א בענקשאפט אין אירע אויגן האט מיך באגלייט ביז צום טויער פון שולהויף . . .

כפר גלעדי

מיר האבן פארגעזעצט אונדזער עקסקורסיע אין און ארום די קיבוצים און דעם גאנצן ראיאן פון דעם פרוכטבארן און פאטענציעל שפע׳דיקן גליל העליון.

כפר גלעדי איז אן אלטער קיבוץ, איז געגרינדעט געווארן אין 1917 און ליגט איינגענעסטלט צווישן געדיכטע ביימער אויף א בארג. אין כפר גלעדי, האב איך געהאט א באקאנטן אמערי־ריקאנער געבוירענער יונגערמאן, מיט וועלכן כ׳האב זיך באגעגנט און באקאנט ווען ער איז געקומען אין לאס אנגעלעס פון ישראל, צו זיין משפחה צו גאסט, נאך אין די יארן פון ענגלישן מאנ־דאט. געקומען איז ער דאן אין די שטאטן מיט א וויכטיקער שליחות. איצט האב איך אים ווידער געטראפן אין כפר גלעדי, מיט א טייל פון זיין משפחה; זיין מוטער, פרוי און קינד. דער באקאנטער פריינט מיינער האט אונדז ארומגעפירט, באוויזן די רחבותדיקע ווירטשאפט פונם קיבוץ: א זייער פיינעם רעזארט פלאץ פאר געסט וואס ברייגנט אריין דעם קיבוץ א פיינע הכנסה. א פיינע ביבליאטעק, א קאנצערט זאל און פאר אלגעמיינע צוזאמ־קונפטן. אן אויסערגעוויינלעך שיינער עס־זאל „חדר האוכל״. א מאדערנע עלעקטריפיצירטע גרויסע קיך און א צאל נייע מאדערנע בנינים, וואוינונגען פאר די עלטערע, פאר די ותיקים פון דעם קיבוץ. ווירטשאפטלעך פארנעמט זיך דער קיבוץ מיט עופות־צוכט, פרוכט און קליין אינדוסטרי און בויעט אויך די הייזער און אלץ פארן קיבוץ מיט אייגענע ארבעט.

מיין יונגער באקאנטער און זיין מוטער האט אונדז אפילו פארגעווארפן, ווארום מיר זיינען נישט אראפגעקומען צו זיי אין קיבוץ פאר דעם ערשטן סדר, אויף פסח. לויבנדיק וואס פאר א גרויסארטיקן סדר זיי האבן דא דורכגעפירט.

דער אמת איז אז אונדז האט טאקע שטארק באנג געטאן, פארוואס מיר האבן עס ניט באוויזן צו זיין ביי זיי צום סדר. אין א קיבוץ א סדר איז אין גאנצן אנדערש, ווי די אפיציעלע אינ־סטיטוציעס, אין שטאט ארדענען איין. מיר זיינען געווען ביים סדר פון דער הסתדרות, אין תל־אביב, און, ס׳איז ווייט ניט געווען

אזוי, ווי מיר האבן זיך משער געווען ס'וועט זיין. דער סדר איז געווען, ניט טראַדיציאָנעל און ניט וועלטלעך. ס'איז געווען אַלץ, אָבער ניט אין גייסט פון פּסח. מע וואָלט עס געקענט אָנרופן קאָנצערט, ליטעראַרישער אָוונט וכו', אָבער ניט אין דער טראַדיציע פון אַ סדר: אַ פידל שפּילער אין קלאַסישע נומערן, אַן אָריענטאַלישע טענצערין, אַ רעציטאַטאָר פון דער „הבימה", אַ רעדנער, אַ פאַרקירצטע הגדה א. א. וו. מע זאָגט אַפילו „ניט אַזוי די הגדה ווי די קניידלעך", האָבן אָבער די קניידלעך דאָ אויך אויסגעפעלט: פיש מיט כריין, „קאַרנביף" און מצה, פאַרשטייט זיך, דאָס איז געווען די „מעניו". אין דער פאַר'גויאישטער אַמעריקע אַפילו האָבן מיר אַזאַ סדר ניט געזען. אין ישראל האָבן מיר דערוואַרטעט אַ מער טראַדיציאָנעלן סדר, אַפילו פון דער הסתדרות. כ'האָב עס דאָ דערמאָנט, אגב אורחא, מחמת אין חוץ לארץ האָבן מיר בכלל אַ גאַנץ אַנדער השערה, וועגן זאַכן און דערשיינונגען. ווען מיר קומען פּנים אל פּנים מיט דער רעאַליטעט זעט עס צו אונדז אַנדערש אויס.

אין שכנות מיט כפר גלעדי, אָדער ריכטיקער אַ טייל פון גלעדי, ליגט תל־חי. ביים אַריינגאַנג צו תל־חי אויף אַ בערגיקער הויך, האָט מען אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט אין אָנדענק פון דעם העלדישן קעמפער יוסף טרומפּעלדאָר, וועלכער איז געפאַלן אין קאַמף מיט די אַראַבער נאָך אין יאָר 1920 פאַרטיידיקנדיק די לעבנס פון זיינע חברים. ער איז אויסגעגאַנגען מיט די ווערטער אויף זיינע ליפּן „ס'איז גוט צו שטאַרבן פאַר דיין לאַנד".

אויפן וועג פון דעם גליל העליון קען איינער זיך אָפּשטעלן, אויב די צייט דערלויבט אים נאָר, אין פאַרשיידענע ישובים: קיבוצים, קבוצת און מושבים עובדים. דער אמת איז, ווען איינער זעט און באַקענט זיך געננוי מיט איינעם אָדער צוויי פון איין מין „סעטלמענט" האָט ער שוין, מער ווייניקער אַ באַגריף וועגן זייערע סיסטעמען און סדר פון לעבן. וועל איך דעריבער פּרובירן איצט ברענגען אייניקע איינדרוקע פון אַ פּאָר וויכטיקע שטעט אין צפונדיקן טייל אין ישראל ווי נצרת, אַלט און ניי־צפת, וואָס זיינען פון אַ היסטאָרישן רעטראָספּעקטיוו און פּערספּעקטיוו וויכטיק מיט זיי זיך צו באַקענען.

נצרת די שטאָט פון ישו הנוצרי

נצרת איז דורכאויס אַראַביש, און איז די פינפטע גרעסטע שטאָט אין ישראל. דאָ זעט איר פאַרשיידענע „שריינס", מאָנאַס-

טירן און קלויסטערס. עקזאטישע געמארקן, שמאלע געסלעך, וואו דער אראבישער האנדל גייט אן. קליינע איינגע קרעמלעך מיט עסנווארג און געבעקס, שוסטער מיט האמער און קנאפל אויף דער ערד, ביי אן הויפן מיט אלטע שיך, און ווער אויף א „דריי־פוס״, ביי דער שוסטעריי. קליינע שמידערייען, ביי פייערן, שאַרפן הויז־מעסער און קאסעס. און אין מיטן זיצט סטאיש אן אראַבער מיט א נארגילע אין מויל, און רופט ארויס קונצן ביי א שלאנג. און צווישן אלעם דעם, אין דעם שמאלן דורכגאנג פון געסל, טרייבט אן אראבער אן אייזעלע מיט א גרויסן פּאק אפּפאל אויף דעם אייזלס איינגעבויגענעם רוקן. א באקאנט אריענטאליש בילד וואס מע באוויזט אמאל אויף א פילם אין די שטאטן. דא זעט איר עס, אויף א ברייטער קאנווע פון לעבן, אין דער רויער רעאליטעט.

מיר קומען נאכדעם אריין אין דעם „שריין״ וואו יעזוס אליין האט זיך אויפגעהאלטן און אויך וואו די הייליקע „מערי״ האט געהאט איר קיך און וואוינונג. דאס איז אן אונטערערדישער אראפּ־גאנג, וואס איז פּרעזערווירט געווארן נאך פון יענער צייט אן. יעדנפאלס, אזוי ווערט עס דערציילט. מע וויזט אונדז אויך די אלטע יידישע שול אדער „קאנגרעגיישאן״, וואו די יידן פלעגן מתפלל זיין, און, „ישו״ פלעגט ארונטערקומען צו די יידן, פריי־דיקן זיין נייע תורה, באקערן זיי צו זיין גלויבן. איר שפּאצירט איבער דער שטאט, באטראכט די אלטע בנינים, די געבעט־הייזער, די מענטשן ארום און זייער שטייגער לעבן; און, ס׳פירט אייך אוועק אין דעם וויטן פארגאנגענעם עבר. איר זעט ניט אז די שטרע־מונגען פון דער נייער צייט, מאדערנע קולטור און ציוויליזאציע זאל האבן גורם געווען און באווירקן דעם לעבן פון די מענטשן: איר זעט פאר זיך המשך פון אלטן, גאר אלטן לעבן־שטייגער. פאר דעם טוריסט, פאר דעם רייזנדיקן איז עס בלויז א נייגעריקע באאבאכטונג און אפשר א פאָרשונג פון דעם וויטן אמאל, ווי אן אנטיקוויטעט. פאר זיי אבער, פאר די מענטשן דארט, איז עס ניט סתם געשיכטע, נאר דער לעבעדיקער רעאלער היינט און מארגן.

„חולה״

מיר פארן דורך דעם „בארימטן חולה״. איך זאג בארימטן מחמת דער דאזיקער פראיעקט, וואס די ישראל מלוכה און דער נאציאנאל פאנד האבן אונטערנומען אויסצוטריקענען דעם חולה

געגנט, אט דעם פארפעסטעטן באדן מיט די כלערליי קראנקהייטן און מאַלאַריע און מאכן אים געזונט און פראדוקטיוו, האט ארויס־גערופן גאר שטארקע פראטעסטן מצד די סירישע אראבער. די ארבעט אבער ארום דעם פראיעקט ביי „חולה" איז, טראָץ די פראטעסטן, ניט אפגעשטעלט געווארן.

לעצטנס זיינען די באציאונגען און די פראטעסטן מצד די סיריער אויף אזוי ווייט פארשארפט געווארן אז דאס פראבלעם איז געבראכט געווארן פאר דער „יו־ען".

די „חולה" געגנט פארנעמט א גאנץ היפשן שטח לאנד, דער באדן אבער איז גוואלדיק זומפיק מחמת עס שטייען דארטן די וואסערן וואס פליסן אריבער פון ירדן.

דורכפארנדיק דעם געגנט האבן מיר זיך אפגעשטעלט ביי אט דער „חולה" און געזען האבן מיר א פיבערהאפטיקע טעטיקייט: גרויסע גראב־אייזנס, טראקטארס און „טראקס", מאדערנע מא־שינערי און יידישע ארבעטזאמע הענט, האבן לעבעדיק באוועגט זיך ביי אט דער גרויסער קולטיוויר ארבעט; אנצופילן מיט ערד אט דעם נידריקן פארפלייצטן באדן, פון די איבערפלוסן פון ירדן.

ווען דער דאזיקער פראיעקט וועט פארענדיקט ווערן, וועט אט די פון פריער אנגעזאפטע ערד מיט מאלאריע, פארוואנדלט ווערן אין א פרוכטיקע, שפע־ברייינגענדיקע ערד, וואס וועט זיין א ברכה ניט נאר פאר די ישובים ארום אין ישראל, נאר אויך אפילו פאר די שכנ׳ישע אראבער.

אין א וועלט פון שלום, פרידן און גוטע שכנה׳שאפט, וואלט אזא פראיעקט ווי „חולה", וואס זוכט געזונט צו מאכן די ערד, באפרייען זי פון פעסט און מאלאריע און בריינגען ברכה און הצלחה פאר דעם מענטשן, געדארפט פריידיק באגריסט ווערן. לעבן מיר אבער אין א וועלט פון רשעות, אומצוטרוי, און מיס־פארשטענדעניש . . .

אלט און ניי צפת

די אלטע צפת, פאר דער מלחמה מיט די אראבער אין 1948, האט בלויז געהאט אן ערך ארום 15 הונדערט יידן און א 40 טויזנט אראבער. איצט האט זיך דאס בילד אין גאנצן געביטן: די מערסטע אראבער האבן פארלאזן, אנטלאפן און א צאל פון זייערע דערפער ליגן צעשטערטע. זיינען צוגעקומען א סך נייע עולים, פון פארשיידענע לענדער, וואס צפת איז געווארן זייער

נייע היים. אלט צפת איז טיף געוואָרצלט אין אונדזער געשיכטע און איר מערקט עס אויף טריט און שריט. דאָרטן וועט איר זיך אָנטרעפן מיט די יורשים פון די אַמאָליקע קבל׳יסטן. שולן און שולכעלעך, סיי פון די אַלטע צפת׳ער און סיי פון די נײַ אָריבער־געקומענע. דערזעט מען טוריסטן וואַנדערן אין די געסלעך און באַוואונדערן אָדער גאָר באַדויערן די אַלטקייט און אָפּגעלאָזנקייט פון די הייזער חורבות, אַזוי באַווײַזן זיך, יידן קאָנקורענטן צווישן זיך, וואָס אײנער רופט אײַך צו זײַן שולכל, מיט אַן אַלטן מקובל און דער צווייטער, זאָגט אײַך צו אַז זײַן מקובל איז גאָר אַן אַנטיק, פון די גאָר גאָר אַלטע.

מיר זײַנען אַרײַן אין אַ רומענישער שול. דער שמש, אַן על־טערער ייד דערציילט אונדז אַז ער איז אַ קרבן פון היטלערן ימח שמו וזכרו. די גאַנצע משפּחה זײַנע איז אומגעקומען. ער און זײַן פרוי זײַנען ווי סע איז געבליבן לעבן. זײַנען זיי געקומען אַהער אין צפת. די לאַנדסלײַט זײַנען דורכאויס באַשטאַנען ער זאָל ווערן זייער שמש; האָט ער די אויפזיכט איבער דער מאַנס־בילשער שול און די פרוי, איבער די ווײַבערשער שול. ער ווײַזט אונדז אָן אויף די בענק און שטענדערס. דאָס אַלץ איז געווען צע־בראָכן און צעפּיצלט און אין גאַס אַרויסגעוואָרפן פון די רומענישע רוצחים. נו, האָט מען צוזאַמענגעקליבן די ברעטלעך און פּיצלעך פון די אַמאָל געוועזענע חשובע בענק פון אונדזער אַלטן בית־המדרש, געבראַכט עס אַהערצו קיין צפת און די אַלטע צעבראָ־כענע בענק האָבן געפונען אַ תיקון: ווידער זיי גאַנץ געמאַכט, צוזאַמענגעשטעלט און אונדזער אַלטער רומענישער בית־המדרש איז באַנײַט געוואָרן. קיין גרויס פאַרדינסטן — באַקלאָגט ער זיך פאַר אונדז — האָב איך דאָ ניט. פון וועמען, פון די קבצנים? טאַקע געווען אַמאָל באַלעבאַטים, אָבער היטלער ימח שמו האָט אונדז געמאַכט פאַר יורדים, לעבט מען דאָ פון האַנט אין מויל.

בײַם פאַרלאָזן די שול, האָבן מיר אים איבערגעלאָזט עטלעכע מטבעות.

אַרויסקומענדיק פון שול האָבן מיר דערזען ווי אַן עלטערע פרוי איז צו אונדז צוגעקומען, מיט אַ געבעט אין די אויגן. האָט אונדז אַפּנים אָפּגעוואַרט, און געוואָלט אַ נדבה. אַזעלכע האָבן מיר באַגעגנט דאָרט לרוב.

אין אַלט צפת איז דאָ אַ מנהג פון קדמונים: יידן פון אַלט ארץ־ישראל פלעגן אַראָפּקומען אַהינצו, לג־בעומר אין די טויזנ־טער, עולה רגל זײַן צו שמעון בר יוחאי, זײַן שול און זײַן קבר.

און דער דאזיקער מנהג איז עד היום פארבליבן: לג־בעומר קומען פרומע יידן פון אלע שטעט אין ישראל, „פילגרימען", אזוי צו זאגן, קיין צפת.

די ארעמשאפט דארטן איז גרויס. די שטיבער, אלטע חורבות. פון וואס און וואנען די מענטשן לעבן איז שווער צו פארשטיין. סיידן פון ניסים. די טוריסטן וויזט מען אלטע חפצים, קברים און מצבות פון גרויסע רבנים, און פון די פרוטות וואס מע טיילט אויס האלט מען זיך אויף אפנים.

אין שארפן קאנטראסט צום אלטן צפת איז די מאדערנע נייע צפת. דארטן אויף די בערג ווערט איצט געבויט א נייע שטאט, מיט פיינע מאדערנע געסט־הייזער און האטעלן. די בערג און די לאנדשאפטן ארום איז פיקטורעסק. מיר זיינען פארפארן אין איי־נעם פון די האטעלן איבערצונעכטיקן. פריוואטע אינוועסטירער פון תל־אביב האבן אויסגעבויט דארטן א צאל גאר פיינע רחבות־דיקע האטעלן, וואס ווערן געעפנט בלויז איבער די זומער חדשים. ווינטער איז דארטן דער קלימאט א סך א קעלטערער ווי אין די טאלן. ניי צפת, איז געבויט אויף א בארג, דער אויסבליק איז א פראכטיק וואונדערלעכער, אין א קלארן ניט פארנעבלטן טאג, זעט מען קלאר דעם כנרת און די סירישע גרענעץ.

הארט ביי דער סירישער גרענעץ שטייט דער בארג חרמון, מיט זיין גיגאנטישן באדעקטן שניי־קאפ און אונטן ליגט פאר אייך א באצויבערנדיקע אידילישע שיינקייט פון א געדיכט באגרינטן טאָל, מיט אומציילבארע וואקסנדיקע ישובים.

ע כ ו

צו זיין אין צפונדיקן טייל פון ישראל און ניט באזוכן די לעגענדארישע שטט עכו אדער עקער, איז ניט צום פארגעבן. אין צייט פון מאנדאט און די אומרוען אין לאנד איז עכו אפט דערמאנט געווארן אין דער פרעסע, וואו א צאל יידישע קעמפער, זיינען ארייננגעזעצט געווארן אין דער דארטיקער תפיסה. עכו איז אן אלטע שטאט, האט איצט ארום דריי טויזנט אראבער, וועלכע זיינען געבליבן נאך דער מלחמה, ניט אנטלאפן און, א צוועלף טויזנט יידן. אין עכו געפינט זיך א גוואלדיק גרויסע היסטארישע פעסטונג, וואס נעמט ארום כמעט די גאנצע שטאט. די פעסטונג איז נאך געבויט געווארן אין צייט פון „ריטשארד די לייאן", אין דער צייט פון די קרייץ־צוגע. די זעלביקע פעסטונג איז אמאל

באלאגערט געווארן פון נאפאליאנען און האט געקראגן דארטן א שווערע מפלה. ביי דער פעסטונג געפינט זיך אויך די דערמאנטע תפיסה, וואו צענדליקע טויזנטער זיינען אומגעקומען אין משך פון די פינצטערע פארגאנגענע יארהונדערטע. אין דערזעלביקער תפיסה, האט ענגלאנד געהאלטן אונטער שלאס און ריגל 27 יידישע יונגע קעמפער. די דאזיקע יונגע רעוואלוציאנערן, ווערט דערציילט, האבן געמאכט אויסגראבונגען אונטער דער ערד און האבן זיך ארויסגעריסן פון דער תפיסה. מע האט זיי דאן באוואונדערט פאר דער געוואגטקייט און זייער אנטלויפן. עס ווערט אבער דערציילט אז דער אנטלויפן זייערער וואלט אוממעגלעך געווען, אָן דער מיטהילף פון די ענגלישע וועכטער.

מיר האבן ארומגעבראדזשעט ארום און איבער דער גרויסער פעסטונג, באטראכט די היסטארישע עכו און געטראכט: וויפיל רשעות, אומקום פון מענטשלעכע לעבנס, מלחמות, נצחונות און נידערלאגעס די דאזיקע פעסטונג האט צו דערציילן. איצט איז עכו, דאס ערשטע מאל אין איר לאנגיאריקער געשיכטע, א פרייע שטאט, אין די הענט פון דער יידישער מלוכה און די פעסטונג, די תפיסה און אלץ ארום איז בלויז טרויעריקע רעמינעסענצן, הארבע דערא‌ינערונגען . . .

קיבוצים און מושבים — צוויי סיסטעמען

מיין באריכט וואלט ניט געווען קאמפלעט, נישט דערמאנענדיק וועגן דעם איצטיקן מצב און קאמפלעקס פון די קיבוצים און מושבים, וועלכע זיינען דער יסוד פון דעם היינט און מארגן פון דער ישראלדיקערווירקלעכקייט.

דראמאטיש־טראגיש איז די לאגע וואס שפילט זיך איצט אפּ אין אייניקע קיבוצים, צוליב די מחלוקת׳ן און פאליטישע סכסוכים, צווישן מפ״ם, מפא״י און די קאמוניסטן. ס׳ברייננט, נאטירלעך, ניט גאר קיין גוטעס דער ווירטשאפט אין ישראל. די שפאלטונגען און גירושים פון איין פראקציע מיט דער צווייטער, שטערט אָן א שיעור דעם נארמאלן גאנג און וואוקס פון קיבוץ. אמת, פארטיי רייסערייען איז טאקע א מכת מדינה, אבער אזוי לאנג ס׳איז בלויז א ווערטער קאמף איז עס נאך צו דערליידן; אבער מחלוקת׳ן אין א קיבוץ וואו דער גאנצער לעבן איז אינטים איינג פארבונדן אויך מיט דעם עקאנאמישן לעבנס־נערוו, דאן גראבט עס לחלוטין אונטער דעם יסוד פון גאנצן קיבוץ. אט דער איצ־

טיקער קאטאסטראפאלער קריזיס וואס האט ארומגעכאפט א צאל קיבוצים צוליב ריין פאליטישע טעמים, מאכט איינעם זיך צו פארטראכטן צי איז טאקע אט דער סדר פון דעם אזויפיל באַ־וואונדערטן קאלעקטיוון צוזאמענלעבן פון די קיבוצים, דער אי־דעאלסטער, אין איצטיקן מאדערנעם ישראל? אמת, ביז איצט האט מען אט דעם אידעאליסטישן קיבוץ־לעבן, א סך באזונגען און אפילו פאר דער וועלט אים ווי א מוסטער ארויסגעשטעלט. בעת אומעטום, באזונדערס אין אמעריקע, זיינען די פארזוכן פון קאלעקטיווע קאלאניעס געווען א גרויסער דורכפאל, זיינען אבער די קיבוצים אין ישראל געווען א גרויסער דערפאלג. אמת צוליב גאנץ באשטימטע סיבות און טעמים: צוליב עקאנאמישע, געא־גראפישע און לעבנס־זיכערקייט, איז עס געווען א מוז אין אָנהייב פון די עליה׳ס, צו לעבן קאָלעקטיוויסטיש. איצט, ווי געזאגט, צוליב ריין פאליטישע דיפערענצירונגען שטופט די מערהייט, פון איין ריכטונג, ארויס די צווייטע, ווערט שוין אזא מצב גארנישט קיין אידעאלער, און דער פארצוג ווערט מערער גענייגט צום סדר פון די מושבים עובדים. לעת־עתה האט מען ניט געהערט עס זאל פארקומען וועלכע סע איז אידעאלאגישע מחלוקת׳ן און צעטיי־לונגען ביי זיי. הגם זייער יסוד איז א קאָאָפעראטיוו געזעלשאפט־לעכער: ארבעטן, קויפן און פארקויפן צוזאמען. אין די מושבים, איז דער יחיד אין דער ערשטער ריי, מערער פאראינטערעסירט, אז זיין פערזענלעכע ווירטשאפט זאל זיין געראטן און בשלימות. וואס איז שייך פאליטיק און אידעאלאגיעס, איז עס א נעבן זאך אדער גאר א לוקסוס. אָפגעזען פון דעם פאקט, וואס אין דעם מושב האט יעדער אן אייגן אינדיווידועל לעבן לויט זיין געשמאק און כאראקטער. ס׳איז מיין איינדרוק אז די לאנדווירטשאפטלעכע ישראל, וועט פריער אדער שפעטער, לערנען פון די דאזיקע פאקטן און דערשיינונגען און וועט גראדואל אומבייטן, וואו נויטיק, דעם קאלעקטיוויסטישן סדר, וואס איז באמת געווען אן ערלעכער אידעאליזם אין זיין צייט, אבער א גרויסע סיבה פון פאליטישע מחלוקת׳ן אין איצטיקע מאמענט. בכלל ווערן געמאכט אין ישראל אפטע אומבייטן און עקספערימענטן. מע פרובירט צוצופאסן זיך צו די באדינגונגען וואס די צייט רופט ארויס.

כ׳האב אויבן דערמאנט אז די הויפט סיבה פון די סכסוכים און שפאלטונגען אין די קיבוצים איז געווען צוליב ריין פאלי־טישע טעמים. ס׳איז וויכטיק זיך אביסל באקענען מיט דער עקאנאמישער סטרוקטור פון דעם קיבוץ און מושב. ביידע סיס־

טעמען זיינען א וויכטיקער יסוד פון דער ישראלדיקער לאנד־ווירטשאפט, און האבן פאזיטיווע און נעגאטיווע מאמענטן. באַטראַכטנדיק אביעקטיוו דעם קאלעקטיוויסטישן סדר פונם צוזאַמענלעבן אין א קיבוץ מוז איינער קומען צום אויספיר, אז ניט אלע וואלטן באמת קענען פסיכיש איינלעבן זיך אין א קאלעקטיוו. ווי שוין געזאגט, איז עס אין אנהייב געווען א מוז, אזא סדר פון קאלעקטיוון צוזאמענלעבן. דער דורכשניט פון אן אמעריקאנער ייד, וועלכער האט מערסטנס געלעבט א שפע׳דיק לעבן און בכלל איינגעלעבט זיך אין דעם פסיכאז פון „ראַגיד אינדיווידואליזם״, יעדער פאר זיך, און מיט געלעגנהייטן „ארויפצוארבעטן זיך״; און חוץ לזה, ווען איינער האט נאך א באזונדער עמפינדלעכן געשמאק פאר זאכן, וואלט זיכער ניט געקענט אריינפאסן זיך אין אזא סדר פון קאמונאלן צוזאמענלעבן; וואו ס׳פעלט לחלוטין דאס יחיד׳ישע, דאס ריין אינדיווידועלע און אויך דאס אייגנטימלעכקייט פון דער פאמיליע.

איז דעריבער טאקע פאראן די צוויי סיסטעמען פון לאנד־ווירטשאפטלעכע קאלאניעס. די קיבוצים און מושבים עובדים. דער ערשטער, דער קיבוץ, נעמט קודם כל אוועק פון דעם יחיד, די פערזענלעכע זארג פארן מארגן. דער קאלעקטיוו וועט שוין פאר אים אלץ באזארגן. דער קיבוצניק ארבעט אפּ זיינע אכט אדער מערער שעה, ווען נויטיק, ביי דער באשטימטער ארבעט, צו וועלכער ער איז בארופן און מיט דעם ענדיקט זיך זיין חוב און אחריות צום כלל. ער קריגט פאר זיין ארבעט, דעם זעלביקן גלייכן חלק, ווי דער צווייטער. דער דאקטאר און דער שוסטער, דער לערער און שטאל־מענטש, אלע גלייך. אלע באקומען די מאקסימאלסטע באדערפענישן וואס דער קיבוץ האט אין זיין באזיץ. דער יחיד לעבט דא א מאסן לעבן. עסט פון אן אלגעמיינער גרויסער קיך, אין איין גרויסן זאל צווישן הונדערטער אנדערע. איז ער א פאר־הייראטער, האט ער א צימערל מיט זיין פרוי, און די קינדער ווערן אויפגעכאוועט און דערצויגן פון דער אלגעמיינער מוטער, די קינדער אויפזעערין, וואס ניט אלע מוטערס איז עס צום הארצן.

ווי געזאגט אין א קיבוץ, געהערט אלץ צום כלל, צום קאַלעקטיוו. און, ווען איינער באשליסט פאר זיך, פאר אזא אדער אן אנדער סיבה צו פארלאזן דעם קיבוץ, גייט ער אוועק, כמעט, ווי מיט גארנישט. ס׳איז ווי טביה וואלט געזאגט, „בגפו יבוא, בגפו יצא״. ביזט מיט גארנישט אריינגעקומען און מיט גארנישט גייסטו ארויס.

דאקעגן איז דער צווייטער סדר, אדער סיסטעם פון די מושבים, גאנץ אנדערש. הגם זיי זיינען באזירט אויף קאאפעראטיווע יסו־דות: ווי קויפן און פארקויפן די פראדוקטן און אפילו באאר־בעטן דעם באדן צוזאמען, אין געוויסע פאלן האבן אבער די קא־לאניסטן די מעגלעכקייט צו אנטוויקלען זייער אייגענע איניציא־טיווע, פירן אן אייגענעם פערזענלעכן לעבן און אייגענע ווירט־שאפט. ער האט דעם פארצוג צו קענען האבן א בעסערע וואוי־נונג, זיצן ביי זיין אייגענעם פאמיליען מאלצייט, און פערזענלעכע אויפזיכט איבער זיינע קינדער. אמת ער האט אויך זיין אייגענע זארג און אחריות פאר זיין ווירטשאפט. קורץ, אין מושב איז ער באלעבאס פון זיין אייגענעם גורל. און אין פאל דער מושב׳ניק איז א פליסיקער ארבעטזאמער מענטש (קיין געדונגענעם ארבע־טער טאר ער ניט אנשטעלן), קען ער זיך אויך דערשלאגן צו א בעסערן מאטעריעלן מצב. וואס אין א קיבוץ קען ער עס ניט. אפגעזען פון דעם פאקט, וואס אין מושב לעבט ער לויט זיין געשמאק און ווילן, קען ער אויך — אויב ער באשליסט ביי זיך אויפצוגעבן, ליקווידירן, זיין באוועגלעכן אינווענטאר — רע־אליזירן מער ווינציקער, א געוויסן רוח (דעם באדן טאר ער ניט פארקויפן).

כ׳האב באריכט דעם דאזיקן ענין, מחמת ער איז געווארן לעצטנס זייער אקטועל, און אויך צו באקענען דעם לייענער, אין חוץ לארץ, מיט דעם גאנצן אספעקט פון דיביידע ווירטשאפט סיס־טעמען, וואס זיינען נאך אלץ דער רוקן־ביין און דער יסוד פון דער ישראל לאנדווירטשאפט.

ס׳וועט זיכער זיין אינטערעסאנט, פאר דעם לייענער, צו וויסן, אז היינט צו טאג געפינען זיך אין ישראל אן ערך 198 קיבוצים און קבוצות און אן ערך 200 מושבים. (א קבוצה פארנעמט זיך מיט אגריקולטור בלויז, און א קיבוץ, סיי מיט ערד ארבעט און סיי מיט אינדוסטרי).

סיי וועגן די קיבוצים און סיי וועגן די מושבים פאדערט זיך א פיל ברייטערע און טיפערע אפהאנדלונג. כ׳האב בלויז באריר־ט דעם ענין כדי דער פאראינטערעסירטער לייענער זאל זיך גרינדלעך פאטראכטן וועגן דעם דאזיקן קאמפלעקס.

נס און וואר

פארסט דורך די ברייט און לענג פון לאנד און וואו דיין אויג זאל נישט ווארפן, כמעט אומעטום, א שטח מער ווי טויזנט קילא־

מעטער, איז ישראל ארומגערינגלט מיט אראביש קריגערישע שכנים: עגיפּטן, סיריע, לבנון זיינען אזוי נאָענט, אז אפּטמאל זעסטו ביי די גרעניצן זייער באַוועגלעכקייט. און, דו וואונדערסט זיך באמת, ווי אזוי איז עס טאקע מעגלעך געווען אט דער פענאָ־מענאַלער נצחון, איבער אזא איבערוועגנדיקער מערהייט פון ארומ־רינגלענדיקע שונאים פון אלע זייטן? דער וואונדער ווערט נאך גרע־סער ווען מע נעמט אין באטראכט אז קיין אפענע ארגאניזירטע ארמיי האבן מיר ניט געהאט. די, אין געהיים טרענירטע הגנה, וואס איר ניט גרויסער צאל, מיט איר גרעסטער מסירות־נפש־דיקייט האט דאך זיכער ניט געקענט זיך צערייסן אויף אלע צע־שפּרייטע פראנטן.

די לענג פון די יבשה גרענעצן ארום ישראל פון די אַראַבישע שכנים איז 1080 קילאָמעטער.

די פרום גלויביקע אין ישראל און אין די תפוצות האבן געזען אין דעם, ניסים מין השמים. א סך ישראלים דערציילן פון אַן א שיעור צופאלן וואס האבן גראד צוגעשפילט לטובת אונדזער נצחון. ס׳וואלט געווען, פארשטייט זיך, נישט רעאל צו דענקען צו פארלאזן זיך אויף צופאלן און כלומרשטע ניסים.

אָן די מסירות נפש׳דיקייט און אויף די קידוש־השם גייעב־דיקע, פון דעם רוב פון פאלק, אין יעדן טייל פון לאנד, וואלט מען די ניסים ניט באוויזן.

הערט איר דערציילן די אומצייליקע פאסירונגען פון די ישראלים, וואס האבן דורכגעלעבט די געשעעניסן אין 1948, ווערט פאר אייך ערשט קלאר, ווי ווייט מע מוז זיין גרייט, אויף יעדער עווענטואליטעט פון דעם אויפברויז פון אונדזערע שונאים.

דערציילט מיר א נייער באקאנטער מיינער, א ישראלי, מיט וועלכן מיר האבן זיך באפריינדעט זייענדיק אין תל־אביב. צו אים אין הויז — דערציילט ער — קומט אריין א יונגערמאן, וואס ער האט געהאט אן איבערלעבונג, אין צייט פון קריג, וואס מען קען עס אויך צושרייבן צו די פילע דערציילטע געשעענע ניסים:

ער איז געווען אַן עולה, געארבעט אין א קיבוץ; ווען דער איבערפאל פון די אראבער איז געווען אויף דעם קיבוץ; איז ער געווען, נאטירלעך פון זיינע פארטיידיקער. קיין סך געווער האבן זיי ניט געהאט. פון דער שווערער אטאקע, זיינען א צאל קרבנות פון קיבוץ געפאלן, א צאל האבן געמוזט פארלאזן. געבליבן זיי־נען זיי פיר חברים בלויז, וואס האבן באוויזן זיך אויסבאהאלטן אין א זייטיק שטאלכל, אביסל ווייטער פון קיבוץ צענטער.

ווען ס׳איז שטיל געווארן די שיסערייען, אלץ כמעט ווי צע־שטערט, האבן די אראבער פארלאזן. זיי האבן אבער פון זייער בא־העלטעניש פלוצלונג, דערהערט דאס אנקומען פון אן אנדער כאפטע אראבער, אויף פערד. די אנקומענדיקע אראבער האבן זיך אפגעשטעלט, ניט ווייט פון זייער באהעלטעניש, פאר אן אפרו, אפנים. לכתחילה האבן די פיר יונגן געדענקט, אז די אראבער וועלן זיי אפשר פארבייגייען אומבאמערקט גאר אין גאנצן. אבער אין זעלביקן אויגנבליק, האבן זיי אויך א טראכט געטאן: — ס׳קאן דאך אבער אויך זייער מעגלעך זיין אז זיי וועלן צוקומען צום שטאלכל און וועלן זיי זיכער דערהרגענען אויפן פלאץ, אויף טויט, אדער וואס נאך ערגער, מאטערן צום טויט. געהאט האבן זיי מיט זיך עטלעכע גראנאטן און עטלעכע „דאווידקעס״, האבן זיי באשלאסן אז, סיי ווי איז שוין זייער לעבן א פארלוירענער,

וועלן זיי בעסער מאכן די אפענסיווע. און, זיי האבן אנגעהייבן פייערן אויף דער מחנה פון זייער באהעלטעניש. פון דער פלוצלונג אומדערוואַרטעטע אטאקע אויף די אראבער, האט זיי אזוי צעטומלט אז זיי זיינען זיך צעלאפן, איבערלאזנדיק עטלעכע טויטע.

די פאר העלדישע בחורים זיינען נאכדעם דערהייבן געווארן צום ראנג פון אפיצערן אין דער ישראל ארמיי.

אזעלכע פענאמענאלע דערשיינונגען זיינען פארגעקומען איבערן לאנד אין א היפשער צאל. רעאליסטיש גערעדט קען מען אבער אויף אזעלכע ניסים און צופאלן זיך ניט פארלאזן. אויב ס'איז פריער געלונגען, די ביז צום טויט איבערגעשראקענע אראבער צו פארטרייבן, מיינט עס ניט, אז טאמער, חלילה, וועט א צווייטע רונדע יא קומען, וועט דאס אייגענע אויך זיין דעם מאל!?

אלע וויסן אין ישראל אז די אראבער קענען בשום אופן ניט פארגעסן זייער מפלה און מע ווארט אויף א גינסטיקע געלעגנהייט כדי צו מאכן א צווייטע אטאקע.

רעדט איר מיט די ישראלים, מיט די פשוטע פאלקס־מענטשן; מיט די וועלכע האבן טאקע געטראגן אויף זיך דעם בראנד פון דער מלחמה, מיט די אראבער אין ישראל; ווי פילן זיי בנוגע דעם ענין פון א צווייטער רונדע? און אז מע טראכט און מע רעדט וועגן דעם אין ישראל, און אויך מיר אין די תפוצות זיינען, ניט וויניק, באאומרואיקט, איז פארשטענדלעך. מחמת, פון צייט צו צייט, טוען די אראבער ניט נאר א „סטראשע" נאר פראוואצירן ממש, כדי ארויסצורופן קריג אינצידענטן; איז ווען איר רעדט מיט דעם יידן פון גאס מכוח דעם, וועט איר הערן פון זיין ענטפער דעם באקאנטן „אין ברירה" מאמענט:

„מיר האבן אין דער ערשטער רונדע מיט די אראבער קיין אנדער ברירה ניט געהאט, ווי קעמפן ביזן טויט. מחמת א נצחון פון די אראבער, האט דאך גלייכצייטיק געמיינט אונדזער טאטאלע פארניכטונג. און, די בייזע שעה זאל ניט זיין, טאמער וועלן זיי יא אונטערנעמען א צווייטע רונדע, וועלן מיר, ווי דאן, אין 1948 און נאך מערער איצט, קעמפן ביז א פאלשטענדיקן נצחון איבער די אנגרייפער אונדזערע".

כ'בין געווען גליקלעך צו הערן ריידן, די שטימע פון פאלק, וואס איז סוף כל סוף דעציזירנדיק אין דעם אויסגאנג פון דעם גורל פון פאלקס לעבן און זיינע לעבנס־אינטערעסן.

וועגן דעם זעלביקן ענין האב איך גערעדט מיט איינעם פון

די ותיקים, און וועלכער איז פאליטיש באוואוסטזיניק וועגן דער אלגעמיינער סיטואציע אין לאנד.

„קוקט ניט אויף דעם — פרובירט ער מיר בארויקן — וואס אויף דעם ערשטן אויגנבליק, זעט איר ביי אונדז אזויפיל פארטייען און כמעט כסדר'דיקע מחלוקת'ן צווישן זיך. אמת, קיין געזונט ברענגען זיי נישט דעם ישוב און אויך נישט קיין הויכע מאראל און פרעסטיזש פאר אונדז, אין חוץ לארץ, אין וועלכער מיר נויטיקן זיך זייער שטארק. כ'קען אייך אבער פארזיכערן אז אין אן עת־צרה, אין אן אומגליק פון א מלחמה קאטאסטראפע, וועלן אלע פאליטישע דיפערענצן, אין דעם מאמענט, לכל הפחות, לגמרי פארגעסן ווערן".

וועגן דעם וואס כ'האב ביז איצט בארירט און וועגן א סך אנדערע ענינים אין שייכות מיט אונדזער אלט־ניילאנד ישראל, איז פאראן אומגעהויער א סך, גאר א סך צו דערציילן. יעדער רעדנער און דערציילער, בדרך כלל, ברענגט ס'רוב ארויס פארן יידישן עולם דאס, וואס ער האט געזען. אויך זיינען פאראן אזעל־כע, מיט באשטימטע פאליטישע אריענטאציעס, וואס זעען זאכן פון א באשטימטן פאליטישן קוק־ווינקל. ניט געערנדיק צו קיין פאליטישער פארטיי און אויך אן וועלכן עס איז מאנדאט; האב איך פרובירט, אויף מיין אופן, ראשית כל, אינפארמאטיוו אין קיצור באקענען מיינע לייענער מיט ישראל: מיט אירע שטעט און דערפער, מיט אירע טאג־טעגלעכע פראגן און פראבלעמען, ווי איך האב זיי געזען. אבער, וויפיל און ווי שיין מע זאל ניט דער־ציילן וועגן ישראל, איז, נאטירלעך, קיין פארגלייך נישט מיט דעם ווען איר וואלט אלץ אליין געזען און אליין איבערגעלעבט: אייער הארץ ווערט אנגעפילט מיט א סך פרייד, פאר דעם באמת וואונ־דערלעך גרויסן אויפטו, אין אזא קורצן שפאן פון צייט. איר פילט זיך דערהויבן, וואס איר האט געהאט די זכיה צו דערלעבן און זען דאס אלץ מיט אייערע אויגן. די כינעזער האבן א זייער גוט שפריך־ווארט פאר דעם: „צו זען איינמאל איז בעסער ווי צו הערן הונדערט מאל". פארט, אויב איר קענט, זעט, מיט אפענע אויגן און א פרייען מוח, און, איר וועט הנאה האבן און א סך לערנען.

פ אַ ר ש י י ד ע נ ע ס

(אין שפּאַס און אין ערנסט)

ישראל לאַכט און וויצלט זיך אויפן חשבון פון בן גוריונ׳עך, די מלוכה, אירע מיניסטאַרן און אינסטיטוציעס. אָבער אַלע נעמען עס גוטמוטיק און נאַטירלעך.

פּאַרטייען און „פּאַוואָריטיזם״

אַן אַרבעטסלאַזער עולה איז אַריינגעקומען אין דער ביורא פאַר אַרבעט פרעגן פאַר באַשעפטיקונג. דערזעט ער אין צימער צוויי טירן. אויף איין טיר, אַ שילד: „פאַר די וואָס אַרבעטן״. אויף דער צווייטער אַ שילד: „פאַר די וואָס אַרבעטן ניט״. זייענדיק אַן אַרבעטסלאַזער איז ער אַריין אין דער טיר פאַר די אַרבעטס־לאָזע. דאָ דערזעט ער ווידער צוויי טירן. אויף איין טיר אַ שילד, פאַר די וואָס האָבן אַ פאַך; אויף דער צווייטער טיר, פאַר די אָן אַ פאַך. זייענדיק אָן אַ פאַך אין האַנט איז ער אַריין אין דער באַ־שטימטער טיר. דאָ האָט ער ווידער דערזען צוויי טירן מיט שילד־לעך. אויף איין טיר אַן אויפשריפט, „די וואָס געהערן צו דער פּאַרטיי״, אויף דער צווייטער טיר, פאַר די וואָס געהערן ניט צו דער פּאַרטיי. ניט געהערנדיק אין דער פּאַרטיי, האָט ער, פאַר־שטייט זיך, געעפנט די טיר, פאַר די וואָס אָן אַ פּאַרטיי — האָט ער זיך מיטאַמאָל געפונען אין דרויסן.

— — — — —

ערב דעם יום־עצמאות איז בן־גוריון מיט זיין פרוי אַרומ־געפלויגן מיט אַן עראָפּלאַן, איבערן לאַנד, באַטראַכטן די צוגריי־טונגען צום גרויסן מיליטערישן פּאַראַד.

רופט זיך אָפּ די פרוי זיינע: „דוד, טאָמער וואָלסטו אַראָפּגע־וואָרפן גאַנצע 50 פונט, וואָלסטו גליקלעך געמאַכט אַ יידן, וואָס וועט עס אויפכאַפּן״.

בן־גוריון טראַכט.

„ווייסטו וואָס, דוד, וואַרף אַרונטער צו 5 פונטיקע, וועסטו גליקלעך מאַכן צען יידן״.

בן־גוריון: פאַרטראַכט.

„ווייסטו גאָר וואָס, דוד — מונטערט אים אַלץ די פרוי — וואַרף גאָר אַרונטער 50 איינציקע פונטן, וועסטו גליקלעך מאַכן 50 יידן״.

בן־גוריון שווייגט . . .

ווען דער עראפּלאַן האָט אָנגעהויבן אַראָפּנידערן אַביסל, רופט זיך אָפּ דער „פּילאָט": „חבר בן־גוריון, וואַרפט זיך אַליין אַרונטער, וועט איר גליקלעך מאַכן אַלע יידן" . . .

— — — — —

פרוי בן־גוריון האָט אַריינגענומען אַ נייע (גרינע) דינסטמיידל אין הויז. ווען בן־גוריון איז אַהיים געקומען און האָט דערזען די נייע מיידל, האָט ער איר, גוטמוטיק, אַ פרעג געטאָן:

— ווי געפעלט דיר עפּעס אונדזער מדינה?

די מיידל, ניט וויסנדיק אַז ס'איז בן־גוריון, האָט זי אים גאַנץ אומשולדיק געענטפערט:

— אַזאַ יאָר אויף בן־גוריונען! . . .

— — — — —

דער פינאַנץ מיניסטער פון ישראל טרעפט אויף דער גאַס זיינעם אַ באַקאַנטן און פרעגט אים:

— וואוהין איילסטו זיך אַזוי?

— איך לויף צו אַ פריינט נאָך אַ גמילת חסד!

— אויסגעצייכנט! — רופט זיך אָפּ דער פינאַנץ מיניסטער — לאָמיר לויפן צוזאַמען!

— — — — —

אויפן וועג צום גליל־העליון, איז דער „שאָפער" אונדזערער דורכגעלאָפן אַ שטעטל אַביסל שנעלער, ווי דאָס טראַפיק געזעץ דערלויבט. אַ מאָטאָרציקל פּאָליציי־מאַן האָט אים אָפּגעשטעלט און געגעבן אים אַ „טיקעט". אַ פרוי פון די מיטפאָרנדיקע אין אונדזער „אויטאָ" האָט זיך מיטאַמאָל גאַנץ אומשולדיק אָפּגערופן: „זעט, איז עס ניט אַ שאַנדע? אַ יידישער פּאָליסמאַן זאָל געבן אַ יידן אַ טיקעט?! . . .

— — — — —

אויף אַ „באַס" אין תל־אביב, זיינען געזעסן צוויי פרויען און גאַנץ געשמאַק גערעדט צווישן זיך רוסיש. פון רוסיש זיינען זיי איבערגעגאַנגען צו העברעאיש און נאָכדעם, ווידער אויף רוסיש. שטייט נעבן זיי אַ מיטל־יאָריקער, אינטעליגענט־אויסזעענדער ייד, מיט אַ טעקע אין האַנט און וואַרפט זיי פּאַר, וואָרום ריידן זיי רוסיש:

„רעדט שוין בעסער יידיש, מאַמע־לשון", האָט ער צו זיי אַ טענה.

הערן אים ניט די פרויען, און זיי ריידן ווידער חצי־העברע־

איש און פאלאווינע רוסיש. פארדריסט עס דעם ייד מיט דעם פארטפעל, און פארשטארקט נאך מערער זיינע מוסר רייד צו זיי.

ווען ס'איז געראמער געווארן אביסל אין „באס", האט שוין נאכדעם אין דער „שפראכן פראגע" אויך אנטייל גענומען דער קאנדוקטאר, דער מאטארמאן און א צאל פאסאזשירן.

און ס'איז געווען גאנץ יידיש־היימישלעך, עכט און פריי דע־מאקראטיש. אסור אויב איר וועט אזוינס זען און הערן אויף א „באס" אפילו אין יידישן ניו יארק.

— — — — —

אויף דער סאמע בן־יהודה גאס, אין תל־אביב, האבן מיר געזען אין דער וואך פון פסח, אפען א יידישע פלייש־קראם, וואס האט פארקויפט חזיר־פלייש. איז עס אפשר א פאראדאקס; אבער, ס'האט אונדז באוויזן אז ס'איז פאראן א געוויסע מאס פון טא־לעראנץ אין תל־אביב. זיכער איז, אז אזא מאס פון טאלעראנץ, וואלט קיינמאל ניט ארויסגעוויזן געווארן; נישט אין דעם מאה־שערים קווארטל אין ירושלים און אויך ניט אין בני־ברק, נעבן תל־אביב.

— — — — —

ס'איז אויך אינטערעסאנט צו באמערקן וועגן א מינהג ביי די פרומע יידן אין דער לעצטער נאכט פון פסח: אין דער דא־זיקער נאכט קומען זיי ארויס, די פרומע יידן, פון די שולן, זינגנדיק און טאנצנדיק אין די גאסן. די פראצעסיע ציט זיך ביז דעם ברעג פון ים, און ערשט דארטן, זעט מען די פרומע יונגע־לייט זינגען און טאנצן גאר התלהבות'דיק. אין א ווארעמער נאכט גייען אט די זינגענדיקע און טאנצנדיקע יידן אריין אין וואסער ביז די קני. טויזנטער יידן און יוגנטלעכע קומען זיך צוזאמען צו זען דעם ספעקטאקל. די קינדער פון די פרומע שולן, זיצן ביים ברעג ים, ראד־ארום, און די לערער דערציילן צו זיי די מעשה יציאות מיצרים. דאס כאראקטעריזירט בולט די פרייהייט צו זיין א ייד, און פריי צו פירן אן אייגענעם שטייגער לעבן.

אויפן „אל־על"

פון די 57 יידישע פאסאזשירן, מענער און פרויען, וואס דער יידישער אוויאן האט געפירט פון פאריז קיין ישראל; זיינען 56 געווען טוריסטן וואס האבן עולה־רגל געווען נאך ישראל, און אן איינציקער יידישער יונגערמאן, א ישראלי. דער ישראל ייד איז

אויף געווען דער איין איינציקער וואס האט אין דעם פריען מארגן, אנגעטאן טלית און תפילין און געשטעלט זיך אין מזרח פון דעם אוויאן, דאַווענען . . .

— — — — —

אין די קיבוצים דפני און כפר גלעדי, ווען די פירנדיקע חברים האבן באקלאגט זיך, וואס די שטאטישע לײדיקגייער און „שטעקל־דרייער" ווילן ניט ארויסקומען אויף די קיבוצים צו ארבעטן, האבן זיי עס אויסגעדריקט אן ערך אין די פאלגנדיקע ווערטער:

— וואלטן די „מנחם מענדלס" אויף רחוב ראטשילד, אין תל־אביב, דערשמעקט ביי אונדז „אויל" וואלטן זיי תיכף געקומען צו־לויפן ספעקולירן. אבער ארבעטן? . . . משוגע, וואס? . . .

— — — — —

אין זיין ליד „דער קרעמער" זינגט אברהם ליעסין עה"ש, וועגן די טראכטענישן פון יידישן קרעמער, אין דער אלטער היים, צווישן אנדערעס, זינגט ער:

„א יידישע מלוכה רבותי
„צי קענט איר דא גרינטלעך פארשטיין
„א מלוכה פון לויטער גאונים,
„א מלוכה פון מלכים אליין".

דאָס איז געווען דער דמיון און השערה פון דעם נאסטאלגיש בענקנדיקן יידן אין דער אלטער היים, וועגן א יידישער מלוכה. אין זעלביקן גייסט, טראכטן מיר דא, גאנץ אפט, וועגן מדינת ישראל. צו דעם ווילט זיך זאגן: דערוואַרט נישט פון די ישראלים דאס איבערמענטשלעכע און איבערנאטירלעכע. יידן אין ישראל זיינען ניט אנדערש אין זייער קאנצעפּציע איבער זאכן, לעבנס־פארמען און נויטן, ווי מיר אין חוץ לארץ; זיי האבן די זעלביקע מידות, נייגונגען און שטרעבונגען . . .

רוים

דעם וואטיקאן קונסט מוזעאום אין רוים, אסאציאירן מיר ס׳רוב מיט רעליגיעזער קאנצעפּסיע און תוכן. ס׳איז אבער מערער ווי דאס. ס׳איז א סך מערער ווי אונדזער השערה גייט. פאר די אלע מאלערייען, סקולפּטורן, מאזאאיקס, וואס איר זעט דארטן, בלייבט איר שטיין פארגאפט פון גרויס באוואונדערונג. איר זעט אן א שיעור שעפערישע קונסטווערק, געשאפן מיט א סך יאר־הונדערטע צוריק און איר ספקט שטארק צי ס׳געפינען זיך, אין אונדזער איצטיקער מאדערנער צייט, אזעלכע גאט געבענטשטע קינסטלער. אפגעזען פון די קונסטן, וואס א גרויסע צאל פון זיי, טראגן דעם חותם פון רעליגיעזן תוכן, איז די רייכקייט, פארנעם און גרויס פון די קונסטווערק, פון אזא פראפארץ, וואס איז אפשר אין ערגעץ ניט בנימצא.

אויב אין דעם וואטיקאן מוזעאום זעט איר בילדער און סקולפּטורן פון רעליגיעזן כאראטער,ק זעט איר אבער אין די געוועזענע פּריוואטע קונסט פּאלאצן, איצט פארוואנדלט אין פאלקס־מוזעאומס, ריין קינסטלערישע ווערק פון אלגעמיינעם תוכן און כאראקטער: איר שפּאצירט ארום אין די גרויסע זאלן, פון די אמאל געוועזענע קעניגע און פּרינצן; איר באטראכט די אומצייליקע אקומולירטע קאלעקציעס פון די גרויסע קונסט־שאפונגען, און איר שטייט מיט גרויס יראת־הכבוד פאר די וועלט בארימטע שאפער. איר טראכט, וואס פאר א גרויסע שעפערישע ירושה זיי האבן איבערגעלאזט דעם איטאליענישן פאלק. וואו איר זאלט ניט אריינקומען, אין די פּריוואטע רייכע ווילאס, אין די פאלקס מו־זעאומס און פּארקן; אומעטום, זעט איר סקולפּטורן, מאנומענטן, פּרעסקאס, מיוראלס און וואונדערלעכע קונסט טאפּעסטירען.

פון אנשי שלומינו, ווען מע קומט אין אזא אלט היסטארישע שטאט ווי רוים וויל מען, נאטירלעך, אויך זען עפּעס פון אונדזער אייגן יידיש לעבן, יידישע מענטשן.

הגם אין רוים איז פאראן אן ערך צען טויזנט יידן, לויט אפּשטאם, איז אבער שווער צו דערקענען א יידן אין גאס. זיי האבן זיך אויף אזויפיל אסימילירט און אקלימאטיזירט און צו־געפּאסט צום דארטן שטייגער לעבן אז זיי זיינען שפּראכלעך און אין אויסזען לגמרי פאלשטענדיקע איטאליענער.

מע זאגט אונדז אפילו אז זינט ישראל איז עטאבלירט גע־

ווארן ווי א יידישע מדינה האט זיך ביי א סך איטאליענישע יידן דערוועקט אביסל דאס „פינטעלע ייד״. עפּעס א נאענטשאפט און בענקשאפט צו יידישקייט, וואס האט געטליעט ביי זיי אומבא־וואסטזיניק, האט פאר די לעצטע פאר יאר, גענומען זיך אלץ מער ארויסווייזן, ביי געלעגנהייטן.

ווי די דייטשישע און פראנצויזישע יידן, האבן זיי אפשר אויך געהאלטן, אז זיי זיינען איטאליענער פון משה׳ס גלויבן; אבער, מיט א סך ווייניקער יידישן אויסדרוק־פארם, ווי די ערשטע.

מיר האבן זיך באגעגנט אין רוים מיט דעם „ייווא״ קארעס־פאנדענט, דוד באטוויניק. א יונגערמאן אין די אנהייב דרייסיקער. געקומען איז ער אהער ווי א פּליט פון ווילנע. אליין איז ער א מוזיקער, שטודירט אין דער אקאדעמיע פון מוזיק. בקרוב דארף ער פארענדיקן זיין קורס אלס דיריגענט פון א בלאָז ארקעסטער. ווען כ׳האב אים געלאזט וויסן אז כ׳בין אין רוים, און שטיי אין דעם „אנגלא אמעריקען האטעל״ איז ער תיכף געקומען אונדז זען.

— ס׳איז באמת פאר מיר אן אפפרישונג — האָט ער מיט פרייד אויסגערופן, נאך אונדזער פארמעלן באקענען זיך — וואס כ׳הער ריידן א יידיש ווארט, אונדזער מאמע לשון. דא, אין רוים, דארפט איר וויסן איז עס א גרויסע זעלטנקייט, סיידן ס׳קומען אהער אזעלכע יידן ווי איר.

— א, ווען כ׳וואלט נאר געקענט קומען אין אייער אמע־ריקע — האט ער מיט בענקשאפט אויסגערופן — וואלט איך אייך באוויזן, וואס מע קען אויפטאן אויף דעם געביט פון יידישער מוזיק, טעאטער און יידיש לשון. ווען איך וועל חתונה האבן (ער איז נאך א בחור) — האט ער טראציק א זאג געטאן — וואלט סיי מיין פרוי און סיי מיינע קינדער געמוזט ריידן נאר יידיש״.

מיר זיינען נאכדעם אוועק זען די יידישע סינאגאגע. באמת א זייער שיינע שול, ערשט אויפגעבויט געווארן מיט א 50 יאר צוריק. די ארכיטעקטור אין איטאליענישן רענעסאנס. הגם די אינעווייניקסטע געמעלער און ארנאמענטירונגען זיינען לויט דעם נוסח און חותם פון די מערסטע אלטע ארטאדאקסישע שולן. ארום דער שול איז לעצטנס ארגאניזירט געווארן א קהילה און אויך א זונטיק שול פאר העברעאיש.

מיר האבן נאכדעם ארומגעוואנדערט צווישן די שמאלע געס־לעך פון דער יידישער געטא. געזען דארטן פרויען, מיידלעך, מע־נער; צו זאגן אז מע האט געקענט דערקענען אף זיי, דעם יידישן פרצוף־פנים, ניין. אויך די שילדן אף די יידישע פלייש קראמען, אין איטאליעניש אָן דעם באקאנטן „בשר כשר״ אפילו . . .

אונדז האט מען, פארשטייט זיך, דערקענט אז מיר זיינען ניט קיין היגע. א פאר יונגע מיידעלעך צווישן 12־10 יאר האבן אונדז נאכגעפאלגט. ווען אונדזער באגלייטער האט פארפירט מיט זיי א שמועס, האט זיך ארויסגעוויזן אז זיי זיינען יידישע קינדער און באזוכן אויך די זונטיק „היברו״ שולע. און אז ער האט זיי אויך דערציילט אז מיר קומען נאר וואס פון ישראל, זיינען זיי שוין ניט אפגעטראטן פון אונדז. די קינדער האבן אונז געוואלט איבערצייגן אז זיי זיינען יידישע, האבן זיי אונדז געוויזן אויף זייערע העלדזלעך, יידישע קמעות. מיר האבן זיי געגעבן אלס אנדענק א פאר פרוטות פון ישראל, מיט יידישע בוכשטאבן, האט עס גאר ארויסגערופן ביי זיי א גרויסע קינדערשע פרייד.

יא, זינט ישראל איז געווארן א פרייע יידישע מדינה, האט זיך אויך ביי די איטאליענישע יידן דערוועקט א שטיקל יידישער באוואוסטזיין . . .

פ א מ פ י י ע

מיר האבן אין אונדזער טורנע אויך ניט פארפעלט צו זען די בארימטע אויסגעגראבענע שטאט פאמפייע. די אנטדעקונג פון פאמפייע איז געקומען אויף א צופעליקן אופן: אן איטאליענישער אינזשעניער האט דארטן אנגעהויבן גראבן, פאר אן איינשטעלונג פון א וואסער לייטונג, האט ער זיך אנגעשלאגן אויף געוויסע אביעקטן, וואס האבן געפירט צו דער אויפדעקונג פון זאכן און חפצים, וואס האבט בולט אנגעוויזן אויף א פארלאזטער געוועזענער אלטער ציוויליזאציע.

האט מען גענומען גראבן, אפרייניקן און אוועקפירן די ערדן, וואס האבן פארדעקט אט די שטאט פון א וואלקאנישע ערופציע. און, געפונען האט מען דארטן, פארשיידענע בנינים, סטאטועס, דענקמעלער, קאלאנעס, תפיסות, געריכט־הייזער, מארקן און גערטנער. אויך גאסן וואו די בראווע רוימער פלעגן זיך יאגן, פייל און בויגן, מיט זייערע רייט־וועגענער. איבערבלייבעכצן און צייכנס פון כלערליי קונסט ווערק, בעדער, וואו די מענער און פרויען, פלעגן זיך באדן צוזאמען; און בכלל זאכן וואס זיינען געוועזן זייער כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט פון די רוימער, עטלעכע הונדערט יאר, פאר קריסטוסן.

מע פירט אייך אריין אין צימערן מיט געמאלענע פאנעלן, וואס די פארב האט נאך איר פרישקייט. אויך זיינען די מאטיוון

און כאראקטער שטריכן פון די געמעלעכצן אן אנדייט פון זייער ארט פילאזאפישן דענקען און לעבן.

כאראקטעריסטיש איז געווען א פאר אויל בילדער וואס דער „גייד" האלט עס פארשלאסן און ס'ווערט געוויזן נאר פאר מענער; מחמת זייער סעקסועלן אינהאלט און כאראקטער. דאס בילד האט אפשר אמבולטסטן אויסגעדריקט די דאמאלסדיקע רוימישע פילא־זאפיע; וואס אין איר עצם תוך, איז זי אפשר אויך היינט א טרואיזם:

שטייט א מאן אדם־נאקעט, ארום אים א סך זעק מיט גאלד און ברילינאטן. דאנעבן אים ליגט א שיינע יונג־פרוי. דער מאן ווייזט אן אויף די זעק מיט גאלד, און אויף דער שיינער פרוי און, מיט א טרויער אויסדרוק אויף זיין פנים זאגט ער: „וואס טויג מיר דאס גאלד און מיין רייכטום אז כ'האב מער ניט די פאטענץ צו געניסן פון דאס העכסטע גליק אין לעבן . . . די ליבע".

אויך אנדערע זאכן און אטריבוטן וואס האבן אנגעוויזן אויף א בולטן אופן דעם שטייגער לעבן פון דער אלט רוימישער ציווי־ליזאציע און קולטור.



די אויסגראבונגען פון פאמפייע

אויפן וועג צו קאפרי

פון פאמפייע אויפן וועג צו דעם פאנטאסטיש שיינעם קאפרי אינדזל, פארט איר פארביי ציכטיק באארבעטע פעלדער, וויין־גערטנער, געדיכט באבוימערטע סעדער, ביז איר קומט אן צום

שטעטל „קאסינא״, א נאמען וואס איז א סך מאל דערמאנט געװארן אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט מלחמה, וואו א גרויסע צאל אמעריקאנער סאלדאטן זיינען געפאלן דארטן אין די ביטערע שלאכטן.

פון דער מלחמה צעשטערונג זיינען די מערסטע אָרימע הייזער, עד היום ניט פארריכט געווארן. אויף זייערע חורבות וואקסן שוין ווילד־גראזן און די ארעמשאפט „לעבט״ אזוי אין די לעכער פון די חורבות.

„קאסינא״ ליגט הארט ביי משופע׳דיקע בערג; ארום וועלכע די הויפּט שלאכטן זיינען פארגעקומען. איטאליע האט בכלל זייער ווייניק פלאך לאנד. מערסטנס בערגיק און יעדער פוס ערד, וואו ס׳איז נאר מעגלעך צוצוקומען, ווערט באארבעט און קולטיווירט. די ארעמע פויערים באאקערן זייערע שטיקלעך ערד, מיט אָקסן, כמעט אזוי פרימיטיוו, ווי די אראבישע פויערים אין ישראל.

מיר פארן אריין אין שטעטל „קאסערטע״. אויך דא זיינען די הייזער אלע אפגעלאזענע פון וואנען די גרויסע ארעמשאפט זעט זיך שטארק אָן. אבער זייט ביי זייט אין גרויסן קאנטראסט צו דער ארעמשאפט, שטייט א גרויסער פאלאץ פון א געוועזענעם מארקיז אדער לארד. מיר פארן אריין אין דעם גרויסן הויף־שלאס און איר גלייבט ניט אייערע אויגן וואס זעען אט די פלוצלינגע וואונדערלעך קאלירפולע לאנדשאפט: א ברייטע לאנגע וויסטא פון א גרויסן קינסטלעריש פארפלאנצטן גארטן־פּארק. לאנגע ברייטע וואסער באסיינען מיט כלערליי גיפסענע און מארמארנע פיגורן. פון א הויכן וואלד בארג, אין ווייטער דיסטאנץ זעט זיך א גרויסער וואסערפאל, וואס גיסט זיך איבער שטיינער ביז ארונטער צופוסנס פון בארג, וואו דער וואסער שטראם פון די וואסערפאלן, פאלט אריין אין א גרויסן באסיין, ארום וועלכן סע שטייען כלערליי נימפן, פרויען פיגורן אין פארשידענע פאזן. איר קומט נאכדעם אריין אין א געדיכטן קינסטלעריש פארפלאנצטן וואלד מיט בוימער געבראכטע פון פארשיידענע לענדער פון אייראפּע און אריענט. ערשט דארטן דורך קארידארן און אויסגעהאקטע „קראטאס״ זעט איר נאך א באסיין מיט פארשיידענע טראפּישע בלומען און געוויקסן ארום.

דער גאנצער פלאן, די לאנדשאפט ארום מיט די קינסטלערישע איינריכטונגען אין דער מיט פון דער פיקטורעסקער שיינער נאטור מאכט אייך מאמענטן צו פילן אז איר זיינט אין א פארכישופט אויסגעהלומט לאנד.

אויב דאס אויבנדערמאנטע ווינקל איז מיט דער מיטהילף פון מענטשלעכע הענט קינסטלעריש באארבעט געווארן, איז אבער די נאטור רייכקייט און בילדלעכקייט ארום „קאפרי״ דורכאויס געטלעכע יצירה. אין גרויס און אין פארנעם איז עס א קאלאסאל געטלעך ווערק: הויכע שיינע בערג, וואלד און וואסער, א העליש־רויטער זון פארגאנג און בלויע ליכטיקע לבנה נעכט. דער באשאפער האט אפנים באשאנקען אט דעם נאטור־רייכן שיינעם ווינקל אויף אונדזער פלאנעט מיט אזוי פיל רחבות'דיקע נאטור שיינקייטן אז דער מענטש: גלויביקער, אגנאסטיקער אדער אטעאיסט, מוז בלייבן שטיין א פארגאפטער און רעליגיעז באוואונדערן די יצירה פון אט דעם געטלעך שיינעם נאטור רייכן ווערק.

פ ל א ר ע נ ץ

יעדע שטאט אין איטאליע האט איר אייגענע כאראקטעריסטיק און קאלאריט. הגם אין די מערסטע שטעט זיינען פאראן כלערליי קלויסטערס און געבעט הייזער, אבער די ארכיטעקטור און די ארנאמענטאציע אונטערשיידט זיך א סך איינע פון די אנדערע. באזונדערס אין פלארנץ.

נאך רוים איז פלארענץ די צווייטע גרעסטע שטאט אין איטאליע. דארטן זעט איר שוין א סך קונסט־ווערטן פון אוניווערסאלן כאראקטער. מיקל אנדזשעלאס, ראפאעל, רעמבראנדטס א. א. די קונסטן אין די געוועזענע פריוואטע גאלערייען פון „וויטי״ און דעם קונסט פאלאץ פון „דעלינצי״ און „ארגענטי״ מיט זייערע היסטארישע קונסט שאפונגען איז ניט אפצושאצן.

שטייסט און באוואונדערסט אט די כלערליי גרויסע קונסט־ווערטן פרעזערווירט פון יארהונדערטע און דערפילסט א מין פארדרוס פאר אונדזער יידישן גורל וואס צוליב אונדזער כסדר'דיקער וואנדערונג, ניט איינגעווארצלטקייט אויף אייגענעם באדן, געשטערט פון פארשיידענע שווארצע כוחות, געטריבן און געריבן פאר צוויי טויזנט יאר, האבן מיר ניט געהאט די געלעגנהייט צו שאפן, אנטוויקלען, אקומילירן און פרעזערווירן אונדזערע אייגענע נאציאנאלע פלאסטישע און אנדערע קונסט־ווערטן.

יא, מיר האבן געגעבן דער וועלט דאס אייביק־גרויסע אלמענטשלעך ווערק: דעם ספר הספרים, דעם תנ״ך. מיט דעם ספר האבן מיר מיטגעוואנדערט און הייליק געהאלטן אומעטום וואו דער ביטערער גורל האט אונדז נאר פארווארפן.

מיט דער באשאפונג פון אן אייגענער מלוכה, אויף איי־

געגעם באדן; באפרייט פון פרעמדע איינפלוסן און קולטורן, וועט דער יידישע געניע איצט קענען ארויסברייגען פון זיך די גרויסע יידישע אייגנארט אין אלע פארמען פון דער שעפערישער קונסט. אויך אונדזערע יידישע קולטור ווערטן, וועלן טראגן אויף זיך דעם חותם פון אייגענער נאציאנאלער שעפערישקייט און וועט אנערקענט ווערן ווי א ריין יידישער ביישטראג צו דער וועלט ציוויליזאציע און קולטור.

פלארענץ האט אויך א סך מאנומענטן און דענקמעלער פון היסטארישע דענקער, פילאזאפן און פערזענלעכקייטן מיט א וועלט נאמען. דאס הויז פון „גאלילעי" וואו דער בארימטער אסטראנאמער האט געלעבט, געפינט זיך עד היום אין פלארענץ, וואו ער איז אויך אומגעקומען פאר דער גרויסער אפיקורסיס זיינע, גלויבנדיק אז: „די ערד דרייט זיך דאך!"

דאס הויז פון דעם בארימטן דערפינדער פון דראטלאזן טע־לעגראף „מארקאני" געפינט זיך אויך אין פלארענץ.

מיכל אנדזשעלאס בארימט סקולפטור ווערק „דוד" געפינט זיך אין פלארענץ אויף דעם פראמינענטן מיכל אנדזשעלאס „סקווער" און אנדערע בארימטע דענקמעלער.

אין פלארענץ איז פאראן אן ערך עטלעכע טויזנט יידן, מיט א פראמינענטער שול אבער פונקט ווי אין רוים איז א אונדזע־ריקן יידן נישט בנימצה.

די איטאליענער, כידוע, זיינען טעמפעראמענטפול און זינ־געדיק. דער „דראשקאר" אויף דער קעלניע, דער ארבעטער ביים ווארשטאט און דער פויער ביים אקער, אלע, אלע זינגען אפערע אריעס. מיר זיינען אריינגעקומען אין א לעדער געשעפט, דער באלעבאס, דווקא א ייד, אבער אָן יידיש לשון. אין קראם זיינען געווען עטלעכע קונים. פלוצלונג האט דער אייגנטימער פון גע־שעפט צעזונגען זיך, און אויף א גאר הויכער אקטאווע די אריע פון „בארבער דע סעווילע". דאס געזאנג איז א פאלקס אייגנשאפט און א כאראקטעריסטיק, וואס אויך ביי די איטאליענישע יידן, האט זיך עס אנטוויקלט און ווערט פראקטיצירט ביי יעדער געלעגנהייט.

פארט איר דורך די איטאליענישע שטעט, פון רוים ביז מילאן און אזוי ווייט ביז דער גרענעץ פון דער שווייץ; דערזעט איר פאר זיך א פאליטישע דערשיינונג וואס איר ווערט ממש נשתומם. נעמ־לעך: אין די הויפט גאסן פון די שטעט אויף די פריוואטע און אויך מוניציפאלע בנינים זיינען אנגעקלעפט און צעהאנגען אן א שיעור פאליטישע גרויסע רעקלאמעס אבער מערער פון אלץ פיגורירט

דער „האמער און סערפ״. פאר אן אמעריקאנער איז עס זיכער א גרויסע איבערראשונג, וואס די קאמוניסטישע פארטיי האט אזוי פיל פאליטישע פרייהייט, זיך בהרחבה׳דיק צו צעשפרייטן. א זאך וואס אין די שטאטן וואלט עס ניט מעגלעך געווען. נאך מער ווערט ער איבערראשט פון דעם פאקט, וואס אין די צוויי קלענערע שטעט „פאדאווע״ און „פאלאניע״ מיט א באפעלקע־רונג פון אן ערך 70 טויזנט, ווערןביידע מוניציפאַליטעטן, פאר די לעצטע פאר יאר לגמרי קאנטראלירט פון די קאמוניסטן.

פון די מערסטע לענדער אין אייראפע, חוץ די סאטעליטן, פארשטייט זיך, איז דער קאמוניזם אין איטאליע אממערסטן פא־פולער. די סיבה פאר דעם איז פאר אלעמען קלאר; מחמת די אומגעהויער גרויסע ארעמקייט און דער נידריקער סטאנדארד פון שכירות פאר ארבעט, געפינט דער קאמוניזם דארטן, פאר זיך, א גינסטיקן באדן.

ו ו ע נ י ס

א מערקווירדיק אינטערעסאנטע שטאט איז ווענים. בפרט ווי אזוי די שטאט איז סיטואירט און אויפגעבויט געווארן. אלע ווייסן אז ווענים איז בארימט פאר אירע וואסער קאַנאַלן, און אז מע שיפט זיך אויף שיפלעך אדער „גאנדאלעס״. אבער מיר האבן זיך ניט משער געווען אז די שטאט ווענים מיט איר אומציילליקע פרעכטיקע פאלאצן, געבעט הייזער, כלערליי געשעפטן, גאסן און „סקווערן״ איז געבויט געווארן אויפן וואסער. ד.ה. אויף א קינ־סטלעריש אנגעפילטן אינדזל, אויף דעם אומגעהויער גרויסן טייך, וואס איז אן ארייגגוס פון דעם אדריאטישן ים.

אט די רייכע פאנטאסטישע פאלאצן אויפן וואסער, פארכאפן אייער פאנטאזיע; ווי א מאַגיקער וואלט פון די ים כוואליעס זיי ארויסגעכישופט . . .

ס׳ווערט דערציילט אז ווען די קעניגע און מארקיזן האבן פארטראכט צו בויען א שטאט אויפן וואסער, האבן זיי צוזאמענ־געמונען זייערע הונדערטער טויזנטער שקלאפן, און מע האט ארייגגעבראכט אן א שיעור געהילצן און שווערע קלעצער, שטיי־נער און ערד, און אנגעפילט אט דעם גרויסן שטח וואסער און אויף אט דעם קינסטלערישן אינדזל איז די שטאט פון פאלאצן אויפגעשטעלט. אט די קייזערלעכע פאלאצן זיינען איצט פארוואנדלט געווארן אין פרעכטיקע שיינע האטעלן; גרויסע און קליינע, כלערליי קראמען און געשעפטן און אויך א אינדוסטרי און פאבריקאציע פון פארשיידענע קונסט ארטיקלען.

אויף די שמאלע געסלעך און אויך אויף דעם ברייטן „סט. מארקא סקוועד" וועט איר קיין אויטאמאביל אדער פערד און וועגענער ניט געפינען. די וואסער־קאנאלן פארנעמען דעם פלאץ פון די גאסן, בולווארן און עוועניוס, און די גאנצע טראנספארטאציע, פון מענטשן, סחורה׳ס, און אינדוסטריע ווערט געפירט אויף די „גאנדאלאס", מאטאר־שיפלעך און „פעריס". אין מיט פון אט דער, אויף וואסער געבויטע שטאט ווענעציע, איז פאראן דער גרויסער „סט. מארקא סקוועד". דארטן געפינט זיך דער גאר אלטער קלויסטער, דער מוזעאום פון די כלערליי געווער, מארד און מארטער־געציג; די אמאליקע תפיסות און "קאטאקאמבן". דער שמאלער פיר־קאנטיקער גלאקן־טורם ווי אן „אויסרוף־פונקט" שטייט אין דער מיט פון „סקוועד" אין זיין גרויסן 320 פוסיקן הויך.

אויף אט דעם גרויסן „סקוועד" קומען זיך צוזאמען צענדליקער טויזנטער ווענעציאנער און טוריסטן, באזונדערס אין יום־טוב טעג, און אן א שיעור סטאיעס טייבעלעך פליען איבער אייך, שטעלן זיך אויף אייך, און כאפן אויף די קארן קערנדלעך וואס איר ווארפט זיי געדן צו: א וואונדערלעך בילד פון שלום, רו און צופרידענע באוועגלעכקייט.

ש ו ו י י צ א ר י ע

פארט איר נאר אריבער די גרענעץ פון איטאליע, אין דער שווייץ, דערזעט איר פאר זיך גאר אין גאנצן אן אנדער בילד. ניט נאר אין דער נאטור, אין דער טאפאגראפיע פון לאנד, נאר גייסטיק, עקאנאמיש און ווירטשאפטלעך איז די שווייץ א סך אנדערש. מיר האבן זיך אפגעשטעלט פאר א פאר טעג אין לוצערן, די ערשטע גרויסע שטאט אין דער שווייץ נאך מילאן, איטאליע. מיין באגריף און איינדרוק וועגן דער שווייץ, ווי די מערסטע פון די וואס זיינען דארטן קיינמאל געווען, האב איך זיך געשאפן, ס׳רוב פון בילדער און פון לייענען, אבער ווי איינעמס פאנטאזיע זאל ניט זיין פארכאפנדיק גרויס וועגן די נאטור שיינקייט פון דעם לאנד, איז עס אוודאי א סך שענער אין איר בילדלעכער רעאליטעט. די גרויסע שניי באדעקטע אלפן־בערג, די שיינע גרינע טאלן און די ברייטע טייכן, שאפט זיך פאר דיין אויג א בילדלעכע נאטור־רייכע פאנאראמע. אויף די הויכן פון די בערג, דא און דארטן, זעסטו פאלאצן, וואס מיט זייער רחבות און מאיעסטעטישן גלאנץ, קוקן זיי, ווי מיט שטאלץ ארונטער אויף די

נידריקע קליינע שטיבלעך אין טאל. אין טונקעלן אוונט ווען די ליכטער אין די פענצטער צעשפּילן זיך, פינקלען זיי ארויס ווי שעמעריי־רנדיקע שטערן אין דער טונקלקייט פון דער נאכט.

פון מיין פענצטער אנטקעגן, ליגט רואיק א ברייטער טייך, א שטילער, א פארחלומטער; און אין דער פינצטערניש פון וויטנס בלינקט אויף אים, א ליכט פון א פארשפעטיקט מאטאר־שיפל, פון וועלכער ס׳הערט זיך אן הייזעריק פארדומפּטער ברומען.

אין באגינען פון פרימארגן גייסטו ארויס אויף דער וועראנדע פון דיין צימער און דערזעסט פאר זיך א שטיל באצויבערנדיק אי־דיליש בילד: די פרימארגן זון האט באלויכטן די שניי שפּיצן פון די בערג און געווארפן אירע שטראלן אויף דעם שפּיגל פון טייך.

די גרינקייט פון די ביימער און טאל, די שניי באדעקטע בערג שפּיצן און פאלדן אין זוניקער באשיינונג, און דאס שימע־רירנדיקע שפּיגלקייט פון טייך, דערבליקט זיך פאר דיין אויג אזא אידילישע רואיקייט ארום, אז דו דערשפּירסט אין זיך אויך די רואיקע געמיטלעכקייט פון דער נאטור און פארגעסט אויף דעם מאמענט אין דער וועלט פון רשעות, האס און מלחמה.

די שווייץ בכלל, אין אלע אירע קאנטאנען, ווי בערנע, דזשע־נעווע און צוריך; די פראנצויזישע, דייטשישע און איטאליענישע שווייץ, אין אט די אלע שטעט פילט איר ניט דעם הויך פון מלחמה, ווי אין די אנדערע אייראפּייאישע שטעט. די געמיטלעכקייט פון די מענטשן, דעם פרייען דעמאקראטישן קלימאט צווישן די שכנים, דערפילט איר תיכף ווען איר טרעט ארויף אויף דעם שווייצארישן באדן. די שווייץ איז באוואוסט ווי א נייטראל לאנד און איז גע־בליבן נייטראל ביי ביידע וועלט מלחמות. מיר שיינט אז די קריי־געריש וועלט דארף און מוז האבן, כאטש איין נייטראל לאנד, צו וועלכער מע קען זיך ווענדן אין אן עת־צרה, צו זיין די פאר־מיטלערן, אדער א פלאץ וואו מע קען זיך צוזאמענריידן.

בערן איז די הויפּט שטאט פון דער שווייץ, האט א סך אינ־טערעסאנטע היסטארישע פלעצער און אויך דעם פארלאמענט. דאס גאנצע לאנד ווערט רעגירט פון א סענאט און א קאנגרעס, ווי אין אמעריקע. אבער א פרעזידענט ווערט דארטן דערוויילט ניט אויף פיר יאר, נאר בלויז אויף איין יאר און איז אין דער קאפּאציטעט פון א פארזיצער, מיט א קליינעם געהאלט. אלע גע־זעצן ווערן פריער ראטיפיצירט דורך א „רעפערענדום״. יעדע שטאט אין דער שווייץ פירט איר אייגן לעבן, און ווי אומעטום האבן זיי אין א געוויסער מאס לאקאלן פאטריאטיזם. אפשמאל,

האט מען אונדז דערציילט, גייט אפילו אן א שטילער ברוגז צווישן די צוויי שטעט בערנע און זשענעווע, אט ווי ביי אונדז צווישן סאן פראנציסקא און לאס אנגעלעס. דאס נעמט ניט אוועק פון דער שווייץ איר גרויסע היסטארישע ראלע וואס זי האט אין דער וועלט, ווי דאס לאנד פון שלום און פרידן.

אין זשענעווע זיינען פאראן די בנינים פון דער אלטער „ליג פון נאציאנען" און די „יו־ען". אויך דער זיץ־ארט פון דער אינטערנאציאנאלער פאראייניקטער ארבעטערשאפט. ביידע פאלאצן זיינען מאנומענטן און סימבאלן פאר פרידן און שלום צווישן פעל־קער. היסטאריש איז די שווייץ בארופן פאר דעם. און וואלט אזא לאנד, ווי די שווייץ, וואס איז געווארן סימבאליש פאר דעם פרידן פון דער וועלט ניט געווען, וואלט מען, בלי ספק, באדארפט אזא באשאפן . . .

ל א נ ד א ן

לאנדאן איז געווען אונדזער לעצטע דעסטינאציע. אין לאנדאן האבן מיר זיך אפגעשטעלט אויף עטלעכע טעג,ווארטנדיק אויף דער „קווין מערי" צו נעמען אונדז קיין ניו יארק. אין לאנדאן האבן מיר זיך שוין געפילט, וואס נוגע שפראך, כמעט ווי אין דער היים. דא האבן מיר זיך א סך גרינגער געקענט צוזאמענ־ריידן, ווי אין די אנדערע אייראפייאישע לענדער. הגם מיט ענג־ליש קען מען שוין היינט, ווי עס איז דורכקומען אומעטום, אין די מערסטע וועלט טיילן. אבער דא איז מען דאך מער היימישער מיט דער שפראך ווי אין דער פרעמד. כאטש ענגליש איז ענגליש אומעטום און אויך די זעלביקע אנגלא־זאקסישע קולטור, אבער די לעבנס־פארמען און כאראקטער שטריכן פון די לאנדאנער זיינען אנדערש ווי ביי אונדז אין אמעריקע.

ענגלאנד, אן אלט לאנד, מיט איינגעווארצלטע מנהגים און טראדיציעס פון יארהונדערטער, לאזט זיך עס טאקע תיכף פילן, ווען איר באטרעט איר באדן. לאנדאן איז באמת אן אינטערע־סאנטע און אויך די גרעסטע וועלט־שטאט: אירע מאנומענטן, דענק־מעלער, פארקן און „סקווערן" זיינען באקאנט צו דער וועלט, צוליב די היסטארישע פאסירונגען זייערע: „הייד פארק", וואו די גרעסטע ארבעטער און פאלקס דעמאנסטראציעס, אראטאריעס, זיינען פארגעקומען און קומען עד־היום דארטן פאר, „טראפאל־גער סקווער", „פיקאדילי סוירקוס", „קענסינגטאן גארדענס", „לאנ־דאן בריק", „באקינגאהם פאלאץ", „ביג בען", „10 דאונינג סטריט"

און צענדליקע אנדערע אינסטיטוציעס, וואס טראגן אויף זיך דעם חותם פון ענגלאנדס וועלט־בארימטקייט.

ענגלאנד, הגם דעמאקראטיש אין גייסט און פירונג האלט נאך אן אירע קעניגלעכע טראדיציעס. באזונדערס זעט מען עס אין צייט פון קאראנאציעס פון א קעניג אדער קעניגן. מיר זיינען גע־ווען אין לאנדאן ערב די קאראנאציע פון דער יונגער קעניגן עליזאבעט. אלע אָן אויסנאמען, יונג און אלט, ארעם און רייך, ייד און קריסט, זיינען געווען רעליגיעז־היגנעריסן און באגייסטערט, פאר דער דערוואַרטעטער קאראנאציע פון זייער קעניגן. די ליבע צו ענגלאנדס קיניגטום איז טיף אין די בלוטן פון ענגלישן פאלק, פון קדמונים און אזוי איז עס עד היום. ווי אן אלט פאלק האט ענגלאנד א סך טראדיציע, און פרעזערווירט א סך היסטארישע קולטור ווערטן.

אויף א כאראקטעריסטישער דערשיינונג האט מען מיר אנגע־וויזן אין צענטער פון לאנדאן, ניט ווייט פון „פיקאדילי סירקוס״: אויף א גאס, צווישן צוויי גרויסע זיבן שטאקיקע בנינים, שטייט אין א איינגן דריי־עק, א קליין נידריק שטיבעלע מיט א דאַטע אויף א שילד, פון דעם יאר 1560. דאס שטיבעלע איז, פון יענער דאטע אן ביז היינט, געבליבן ווי אן אלטער „קוריאזיטי שאפ״, אן אנטיק קרעמל, וואו דער בארימטער שריפטשטעלער ראמאניסט, טשארלס דיקענס, פלעגט פארברייינגען דאס רוב פון זיין צייט. אט דאס קליינע שטיבעלע, צווישן די צוויי ריזיקע מויערן, איז א גרוי־סער היסטארישער דענקמאל, פאר ענגלאנדס גרויסן ליטעראטור מייסטער.

וועגן „פיקאדילי סירקוס״ אין לאנדן, איז פאראן אזא ווערטל: „שטיי לאנג ביי „פיקאדילי סירקוס״ און וועסט אנטרעפן די פער־זאן אויף וועלכע דו קוקסט ארויס״ . . .

די „ראיאל גארדס״ וועלכע היט אפּ די קיניגלעכע משפחה, איז גאר א טשיקאווע דערשיינונג, וואס פאר אן אמעריקאנער איז עס שווער משיג צו זיין. זייער הלבשה, די שווער־משא׳דיקע פו־טערנע היטלען אויף די קעפּ, וואס פארדעקן א האלבן פנים, די דיסציפלינירטע שטייפע אנגעצויגנקייט פון זייערע קערפּערס, ווי סאלדאטלעך אויף ספּרוזשינקעס; זייער מארשירן און דער עיקר ביים בייטן די פאסטן „טשענדזש אוו גארדס״ איז א ריטואל גע־ירש׳נט פון יארהונדערטער צוריק. ס׳מאכט דעם איינדרוק אויף א דרויסנדיקן, ווי א ספּעקטאקל פון אן „אפּערע קאמיק״.

בנאטור איז דער לאנדאנער א געלאסענער, א רואיקער און

א ניט יאגנדיקער ווי דער אמעריקאנער, און מע האט דארטן מערער איינזעעניש מיטן בירגער ווי ביי אונדז. אין לאנדאן, למשל, לויפן אויף די גאסן און בולווארן צוויי־גארנדיקע „באסעס" און מע שטייט דארטן אין דער ריי (נאכן „נעקסט") כדי ארויפצוגיין אויף דעם „באס" ביי געוויסע אפשטעל פלעצער. דער קאנדוקטאר וועט בשום אופן ניט ארויפלאזן מער פאסאזשירן, וויפיל זיך־פלעצער עס זיינען פאראן. מע האט צייט און געדולד.

דער ענגלענדער איז אויך כסדר וויליק צו העלפן מיט אן עצה אדער אינפארמאציע. לאמיר זאגן: איר זייט א גרינער אין ניו יארק, איר פארט אין „סאבוויי" און איר ווייסט ניט גענוי, וועלכע סטאנציע ארויפצוגיין. איר קענט קוקן פון היינט ביז מארגן אויף דער מאפע וואס הייננט אין וואגאן, און קיינעם פון די פאסאזשירן וועט ניט איינפאלן אייך אנבאטן אינפארמאציע. כ'בין געזעסן אין א לאנדאנער „סאבוויי" און מיין אויג האט געוואנ־דערט איבער אנטקעגן מיר הייגנדיקע מאפע פון סטאנציעס. א לאנדאנער אנטקעגן מיר האט באמערקט מיינע זוכנדיקע בליקן, האט ער זיך אויפגעהויבן, איז צו מיר צוגעגאנגען און מיר גע־פרעגט צי קען ער מיר באהילפיק זיין מיט אינפארמאציע. א צווייטן פאל: ארויפקומענדיק אויף א „באס" האב איך א זאג געטאן דעם קאנדוקטאר, אז איך דארף אראפגיין אין „פיקאדילי סירקוס". ס'איז נאך געווען א גאנץ ווייטער מהלך; א פרוי, וואס איז געזעסן פאראויס פון מיר, האט געהערט מיין ביטע צום קאנ־דוקטאר. ווען די פרוי האט געדארפט אראפגיין, מיט א סטאנציע פריער, האט זי פאר איר אראפגיין צו מיר געזאגט: — די קו־מענדיקע סטאנציע נאך דער, איז „פיקאדילי סירקוס". קלייני־קייטן וואס זאגן א סך . . . כאראקטער־שטריכן וואס ווייזן זייערע גוטע מידות פון בין אדם לחברו . . .

מ'האט געקענט וועגן ענגלאנד א סך שרייבן און דערציילן, אבער כ'האב ניט בדעה געהאט וועגן דעם ענין מאריך צו זיין, כ'האב נאר געוואלט בצימצום דא דערמאנען א פאר אלגעמיינע אויפגעכאפט שטריכן . . .

„ווייטשעפעל" איז באוואוסט ווי דער יידישער סעקטאר אין לאנדאן און ווערט באטראכט ביי די לאנדאנער ווי די „סלאמס" אדער יידישע געטא. אינטערעסאנט ביז גאר איז צו באזוכן דעם „ווייטשעפעל" געמארק זונטיק אין דער פרי ביזן שפעטן בייטאג: אן אמת'ער יאריד. יידישע, און ס'רוב ניט יידישע אר־בעטער פון דער לאנדאנער ארעמשאפט קומען אהינצו קויפן

מציאות. עטלעכע גאסן ארום, פארנעמט אט דער דאזיקער גע־מארק; פון ביידע זייטן, קליינע קרעמלעך, מערסטנס „פושקארטס" מיט כלערליי סחורות: צעלניק און מלבושים, שיך און געשיר, עסנוואַרג און כלערליי פּאַטראָוועס. אפילו א פארטיק געמאכטן שמאלץ הערינג, מיט ציבעלעס, געטראנקען און ביכער, פון א מחזור ביז דעם קאמוניסטישן מאניפעסט. אלץ וועט איר דארט געפינען. און דער געדרענג, סכנות נפשות, מע קען זיך קוים דורכשטופן. די קולות און דער טומל פון די סוחרים, לויבנדיק די סחורה עד לב השמים. די סוחרים זיינען, פארשטייט זיך, מאחינו בני ישראל און די קונים, ווי געזאגט, זיינען ס׳רוב, ניט יידישע. צו זיין אין לאנדאן און ניט זען אט דעם גרויסן יידישן געמארק אין „ווייטשעפּעל" איז באמת א גרויסער פארלוסט פאר דעם וואס וויל עפּעס לערנען פון אזא פענאמענאלע און גראטעסקע דערשיינונג.

איידער מיר שליסן דאס קאפיטל פון דער אלגעמיינער לאנ־דאן וויל איך אויך עפּעס דערמאנען וועגן דער יידישער לאנדאן. מע שאצט איצט די יידישע באפעלקערונג אין ענגלאנד אן ערך פון 350 טויזנט. אבער אויך דאס אייגענע; עכט יידיש לעבן, נאציאנאל יידיש באוואוסטזיניקע יידן, קען מען קיין סך ניט ציילן. ס׳רוב זיינע אסימילירטע יידן, הגם ציוניזם און ישראל, איז אַן ענין וואס האט, לעצטנס, ווי אומעטום, אנגעשלאגן. פון אונדזערע יידיש ריידנדיקע איז איצט גאר ווייניק פארבליבן.

געווען אמאל דארטן, אין אנהייב פון דעם יארהונדערט, א היפּשע יידיש סאציאליסטישע און אנארכיסטישע באוועגונג, מיט יידישע צייטונגען און זשורנאלן. לאנדאן איז געווען די ערשטע סטאנציע אפצושטעלן זיך, איידער מע איז געפארן נאך אמעריקע. באזונדערס די, וועלכע האבן ניט געהאט הוצאות אויף א שיפס קארטע נאך אמעריקע, האבן זיך אפגעשטעלט אויף א לענגערער אדער קורצערער צייט אין לאנדאן. און צוליב דער יידישער עמי־גראציע האט אויך אויפגעבליט דארטן א יידישע ארבעטער און סאציאליסטישע באוועגונג. מיט דעם אפשטעל פון דער עמי־גראציע נאך אמעריקע, איז גלייכצייטיק פארקלענערט געווארן די איינוואנדערונג נאך לאנדאן. געבליבן זיינען דארטן א קליינע צאל גענאסן. איצט זיינען זיי שוין אלע אלטע, און לעבן מיט דעם חיות פון דעם גלאַרייכן אמאל.

האבנדיק א שליחות פון דעם דוד עדלשטאט אנדענק און בוך קאמיטעט אין אמעריקע, צו זען זיך מיט די פריינט און פאר־

ערער פון עדלשטאטן אין לאנדאן; האבן די גענאסן אראנזשירט פאר מיר א פארזאמלונג, איך זאל זיי קודם כל דערציילן פון ישראל און וועגן דער ארבעט פון דעם עדלשטאט בוך קאמיטעט.

כ׳האב מיין שליחות, פארשטייט זיך, אויסגעפירט, און די פריינט האבן נאך איבערגעשיקט מיט מיר פאר דער עדעל־שטאט אויסגאבע 10 פונט. אזוי ווי יענער טאג איז גראדע אוים־געפאלן דער ערשטער מאי, האבן די גענאסן שוין אויך מקיים געווען די מצוה פונם יום טוב מיט א מאי־פייערונג.

דער „יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט" האט אויך אין לאנדאן א קארעספאנדענט, פריינט מ. ז. זילבערבערג. הגם ער איז ערשט אין לאנדאן א פאר יאר, האט ער שוין באוויזן צו בא־הערשן פליסיק די ענגלישע שפראך און האלט אויך לעקציעס פאר אייניקע יידישע ענגלישע ריידנדיקע גרופן. שרייבט אויך, פון צייט צו צייט, א קאלום אין דער יידיש ענגלישער פרעסע.

אין לאנדאן ווילט איצט א ייד פון אפריקע, מיטן נאמען י. גלאזער, ווי מע גיט מיר איבער, איז ער א ייד אן עושר, אבער דאס עשירות זיינס האט אים ניט איבערגעפירט. א זייער פשוטער יידיש־פאלקסטימלעכער מענטש און איז א זייער ווארעמער אספי־ראנט פונם „ייווא" און בכלל א שטיצער פון אלץ וואס האט א שייכות צו דער יידישער קולטור און ליטעראטור. איז אט דער פריינט גלאזער, מיט דעם „ייווא" קארעספאנדענט פר. זילבער־בערג און נאך עטלעכע יידן, וועמען ס׳איז נאענט דאס יידישע ווארט, פרובירן עפעס צו טאן אויף דעם געביט פון יידישער קולטור. צו טראכטן אבער פון א יידישער קולטור שעפערישער אקטיוויטעט אויף אן ארגאניזירטן ברייטן מאסשטאב און פאר־מעסט, וועגן דעם לאזט זיך אפילו ניט טראכטן, צוליב דוחק אין כוחות און אויך פערעפעריע.

פאר אונדז יידיש־יידן אין אמעריקע, מעג קלאר ווערן דער פאקטישער אמת אז אין גאנץ אייראפע איז איצט בכלל ניט פאר־ראן מער קיין יידישע קולטור שעפערישע אקטיוויטעט, פון וועל־כע מע קען דערווארטן ממשות׳דיקע קרב׳דיקע רעזולטאטן. ישראל און אמעריקע זיינען די איינציקע צוויי גרעסטע יידישע קולטור שעפערישע ישובים, וואס טראגן איצט די אחריות פאר אונדזער פארצווייגטער יידישער קולטור; יעדע אויף איר אופן. די דאזיקע הייליקע שליחות, דארפן מיר דא, און זיי דארטן אין ישראל, ערנסט אנערקענען און מיט אויפריכטיקע עקשנות אויספירן, לטובת דעם המשך פון יידישער קולטור און קיום האומה.

פון זעלבן מחבר

1949—רוי־ערד—260 זייטן
א) זכרונות פון „קלאריאן״
ב) אויף קאליפארניער ערד (נאוועלע)
ג) דערציילונגען
1953—פון פאסיפיק ביזן כנרת (רעפּארטאזשן)

— — — — —

אויסצוגן פון באַוואוסטע שרייבער וועגן
י. פרידלאנדס בוך „רוי־ערד״

דניאל טשארני אין „אויפן שוועל״, יוני 1950

„פון דעם בוך „רוי־ערד״ קאן מען זייער א סך לערנען, ווי אויך געניסן ריין קינסטלעריש. דער בעל הזכרונות פון „קלאריאן״ פאר־מאגט אין זיך א פאעטישן חוש וואס בלאזט אריין א נשמה אין דעם שוין לאנג־פארשטארבענעם קאלאניזיר עקספערימענט״.

— — — — —

פ. סאנדלער אין זשורנאל „יידישע קולטור״, אפריל 1950

י. פרידלאנדס זכרונות אין זיין בוך „רוי־ערד״ זיינען געשריבן מיט ווארעמקייט און מיט א געפיל פון יראת הכבוד פאר די אלע וואס האבן זיך באטייליקט אין דעם אינטערעסאנטן עקספערימענט אויף דעם הארטן באדן פון יוטא.

זיינע זכרונות זיינען אין פיל ערטער רייך אין בילד און מיט קאלירפולע שילעדרונגען פון דער ווילדער נאטור ארום „קלאריאן״.

— — — — —

ב. ד. אין די „ליטעראַרישע העפטן״, אקטאבער 1949

„רוי־ערד״ איז א פיינער צושטייער פאר דער יידישער לי־טעראטור. ס׳איז פול מיט נשמה, מיט וויזיע, מיט פאעזיע. כ׳האב הנאה געהאט פון בוך „רוי־ערד״.

— — — — —

דר. הערמאן פראנק, „פרייע ארבעטער שטימע״,
16טן סעפטעמבער, 1949

„ א יישר כח קומט דעם מחבר פון „רוי־ערד״ פון י. פרידלאנד פאַר זיינע זכרונות פון „קלאריאן״ אין דעם בוך רוי־ערד״. גוט וואס ער האט זיך אויך אפגעשטעלט אויף דאס אינדיווידועלע פסיכאלא־גישע פון דעם פיאנער, שילדערנדיק קינסטלעריש די עפּיזאדן און איבערלעבונגען זיינע אין דער נייער סביבה״.